VI 1942:410

VI
1942:410

יאַן העמפּעל

# די צען געבאָט

## (עשרת הדברות)

איבערגעזעצט
פון דער צווייטער פּוילישער אויפלאַגע

אַרויסגעבער ש. באָרנשטיין
וואַרשע 1928

85.-
788 אינוו.

יאַן העמפּעל

# די צען געבאָט

(עשרת הדברות)

איבערגעזעצט

פון דער צווייטער פּוילישער אויפלאַגע

וואַרשע / אַרויסגעבער ש. באַרנשטיין / 1928

3
Bibliotheca Universitatis Torunensis
~~1442.410~~
26616

JAN HEMPEL:
Dziesięcioro przykazań
Wydawca: Sz. Borensztajn
Druk. „Grafia", Warszawa, Nowolipki 22

1

# פֿאַרוואָס שרייבן מיר וועגן די געבאָטן

לויט דער רעליגיעזער מסורה זענען די אַזוי־גערופֿענע „צען געבאָט“ („עשרת הדברות“) געגעבן געוואָרן דעם פֿאָלק ישׂראל אויפֿן באַרג סיני. ס'האָט זיי געגעבן יהוה אַליין — דער יידישער גאָט — וועלכער האָט אַליין משהן איבערגעגעבן די שטיינערנע לוחות מיט די אויף זיי אויפֿגעשריבענע געזעצן.

דאָס איז פֿאָרגעקומען מיט גרויסע צערעמאָניעס און אויף אַ זייער טעאַטראַלישן אופֿן. דער באַרג סיני האָט זיך פֿאַרהילט אין וואָלקנס, ער האָט געציטערט און גערויכערט זיך, ס'האָט געבליצט מיט שרעקלעכע בליצן, ס'האָבן זיך צעהילכט דונערן און טרומייטערס, ביז ס'האָט זיך לסוף פֿון די טרומייטערס און דונערס אָפּגערופֿן אַ קול:

— איך בין יהוה דיין גאָט... א. אַז. וו.

מ'דאַרף מודה זיין, אַז די באַשרייבונג איז זייער עפֿעקט־פֿול; אונדז גייט אָבער נישט וועגן דער קינסטלערישער זייט פֿון דידאַזיקע מסורות, נאָר וועגן דעם ווערט פֿון די געבאָטן, ווי א יסוד פֿון דער מענטשלעכער מאָראַל.

כ'מייד איצט אויס די פֿראַגע, פֿאַרוואָס שפּעטער זענען שוין קיין שום געזעצן מער אויף אַזאַ אופֿן נישט איבערגעגעבן געוואָרן? פֿאַרוואָס גאָט, וואָס האָט אויפֿן באַרג סיני געדונערט

און געטרוממייטערט, זיצט איצט אזוי שטיליטשקע, אַז ווען די גלחים און רבנים וואָלטן נישט גערעדט אין זיין נאָמען. וואָלטן די מענטשן אָן אים לגמרי פארגעסן? — כ׳מייד אויך אויס די אינטערעסאַנטע פאָרשונגען פון די מאָדערנע געלערטע, וועלכע האָבן דערוויזן, אַז די יידישע „צען געבאָט״ שטאַמען פון בבל, אַז די יידן האָבן דידאַזיקע מאָראַלישע פאָרשריפטן געשעפט פון דער בבלישער קולטור, וועלכע איז פיל עלטער, ווי די יידישע.

אונז אינטערעסירט די פראַגע, צי דידאַזיקע מאָראַלישע פאָרשריפטן קאָנען באמת נאָך ביזן היינטיקן טאָג באַטראַכט ווערן פאַר די צוזאַמענסטן באַדינגעסטע פאָרשריפטן? מיט אַנדערע ווערטער — צי ס׳איז כדאי, און צי מ׳דאַרף זיי נאָך אַלץ אריינקלאַפן אין די קינדערישע קעפלעך?

דער ענטפער אויף דער פראַגע איז נאָך נייטיקער דערפאַר, וואָס פיל מענטשן, וועלכע האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלייבן אין די ביבלישע ניסים און וואָס צוקן די אַקסלען מיט אַ שמייכל אויף יענעם גאָט, וואָס האָט אַזוי שרעקלעך געדונערט, טרומייטערט און געבראַכערט אויפן באַרג סיני, זענען נאָך אַלץ גרייט צו באַהויפטן, אַז די „צען געבאָט״ זענען — און וועלן אויף אייביק בלייבן — דער פונדאַמענט פון דער מענטשלעכער מאָראַל.

## 2

# איך בין יהוה דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט *)

אַזוי האָט זיך דאָס קול פון די וואָלקנס פאָרגעשטעלט דעם פאָלק ישראל.

אויב מיר זאָלן אָננעמען פאַר אמת די גאַנצע יידישע

*) די ציטאַטן פון חומש לויט יהואש איבערזעצונג.

מסורה וועגן דער מיצרישער קנעכטשאַפט, וועגן די מכות, און וועגן דעם שוואַרצקינסטלערישן דורכגיין דעם ים־סוף א. א. וו.. קאָנען מיר מסכים זיין, אַז ווען פון די וואָלקנס האָבן זיך צע־הילכט אַזעלכע ווערטער, האָבן זיי זיכער שטאַרק אָיפגעטרייסלט דאָס גאַנצע פאָלק. ווען ס'וואָלט אָבער היינט צו אונז, למשל צו די וואַרשעווער, אָדער צו די ווילנער איינוווינער זיך עמיץ אָנגערופן פון אַ וואָלקן און צוויסן געגעבן, אַז דאָס האָט ער דאָס אונז אַרויסגעפירט פון דער מיצרישער קנעכטשאַפט, וואָלטן מיר געמוזט ענטפערן, אַז מיר זענען קיינמאָל אין דער מיצרי־שער קנעכטשאַפט נישט געווען און אַז מצרים אינטערעסירט אונז גאַנץ ווייניק.

די פאַרטיידיקער פון דער ביבל וועלן אונז דערויף ענט־פערן, אַז די מיצרישע קנעכטשאַפט איז דאָ נאָר אַ סימבאָל, אַ רמז פון קנעכטשאַפט אָדער אונטערדריקונג בכלל.

לאָמיר זאָגן, אַז מיר זענען דערויף מסכים, אויף אַזאַ אופן אנטשטייט אָבער די פראַגע: פאַרוואָס דאַרפן מיר גראָד אָננעמען דעמדאָזיקן סימבאָל?—אמער מיר ווייסן דאָך היינט, אַז די גאַנצע יידישע מסורה וועגן דער מיצרישער קנעכטשאַפט איז היסטאָריש נאָך מער ווי צווייפלהאַפט. צי זענען די יידן באמת ווען־ס'איז געווען אין דער מיצרישער קנעכטשאַפט, וועגן דעם קאָן מען קיין שום באַשטימטס נישט זאָגן. און ווען זיי וואָלטן אפילו באמת געווען קנעכט אין מצרים, און ס'וואָלט זיי געלונגען פון דאָרט גליקלעך צו אַנטלויפן, וואָלט דאָס געווען אַזאַ נישטיקע געשעעניש אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַז ס'איז אפילו וועגן דעם גישט כדאי צו דערמאָנען.

יידן זענען געווען אַ קליינטשיק פאָלק וואַנדערנדיקע פאַסטוכער און שפּעטער האָבן זיי געהאַט אַ קליינטשיק פּאַ־לעסטינישע מלוכהלע, אָדער מלוכהלעך, וואָס האָבן קיין שום השפּעה נישט געהאַט. אַזעלכע פעלקער און אַזעלכע מלוכהלעך זענען ווייטער פיל געווען און פיל אונטערגעגאַנגען; טאַ פאַר־

וואָס זאָל אונז אַזוי שטאַרק אינטערעסירן גראָד די געשיכטע פון די יידן?

אויב פאַר אונז, פאַר די מאָדערנע אייראָפּעער, וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אַזיאַטישער אָדער אַן אַפריקאַנישער גאָט, וועלכער וואָלט אונז צווויסן געגעבן: איך בין דער, וואָס האָט מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק וווּנדערלעך אַרויסגעפירט אַ מחנה אַאנדערער פון דער בבלישער, פּערסישער, כינעזישער אָדער גאָר פון אַן אַנדערער קנעכטשאַפט — וואָלטן מיר זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

— ס'איז אונז זייער אָנגענעם, וואָס דאָס האָט זיך דיר איינגעגעבן און מיר פאַרשטייען, אַז דיין פאָלק האָט דיך דער־פאַר געקאָנט ליב האָבן.

ווען דער גאָט וואָלט אָבער דערפאַר פאַרלאַנגט עפּעס אַ באַזונדערן כבוד, וואָלטן מיר אים העפלעך פאַרבעטן אין אַ מוזיי אַריין און אים גוט פאַרמאַכט אין אַ גלעזערנער שאַנק, ווי אין אַן אָרט פאַר אַזעלכע היסטאָרישע אַנטיקן.

אין דער אייראָפּעישער קולטור־געשיכטע געפינען מיר היסטאָ־ריש־באַשטעטיקטע און אונז אַלעמען פיל נעענטערע קנעכטשאַפטן.

אַן אומברחמנותדיקער עקספּלואַטאַטאָר און אונטערדריקער איז געווען דאָס אַמאָליקע רוימישע צעזאַרנטום, נישט ווייניקער אכזריותדיק איז געווען די פויפּסטלעכע מאַכט, שרעקלעך איז אויך געווען די הערשאַפט פון די פעאָדאַלן, אָדער די אייראָ־פּעישע פּריצים, אין דער קנעכטשאַפט ביי די קאַפּיטאַליסטן קרעכצן היינט מיליאָנען אַרבעטער אויף דער גאַנצער וועלט — נאָר וואָס האָט מיט דעם אַלעם אַ שייכות יענער גאָט, וואָס האָט אַרויסגעפירט אַ הייפל יידן פון מצרים?

מיט איין וואָרט — מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז דאָס פאַר־שטעלן זיך פון דעם שטרענגן געזעצגעבער רופט ביי אונז לגמרי נישט אַרויס קיין שום לעבעדיקע היסטאָרישע דעריננערונ־גען, ער אימפּאָנירט אונז גאָרנישט און רירט אונז נישט.

## 3

# ! וועסט נישט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים

וועסט נישט האָבן קיין פרעמדע הארן פאַר מיר — דאָס איז דער פּרינציפּ פון יעדער הערשער־געזעצגעבונג.

יעדער עקספּלואַטאַטאָר, יעדער הערשער, קעניג, צאַר, יעדער האָר האַלט, אַז די וויכטיקסטע פליכט פון זיינע אונטערטאַנער איז דאָס דינען אויסשליסלעך נאָר אים אַליין. — דאָס איבער־גיין צו אַן אַנדערן קעניג צאַר, צו אַן אַנדערן האר איז דאָס שווערסטע פאַרברעך, וואָס מ׳קאָן נאָר באַגיין — דאָס איז „מ״וכה־פאַררעט״. אַזוי איז און אַזוי איז געוועזן אויך דער מאַראַלישער הויפּט־פּרינציפּ פון אַלע האַרן — נו, און פאַרשטייט זיך אויך פון אַלע אוראיינציקע געטער, וועלכע זענען דאָך נאָר די הימ־לישע אָפּשפּיגלונג פון די אוראיינציקע האַרן.

לויטן דאָזיקן געבאָט קומט־אויס, ווי א חוץ דעם גאָט, וואָס האָט געדונערט פונם באַרג סיני, וואָלטן געוועזן נאָך אַנ־דערע געטער, וועלכע מיר וואָלטן צוועגטוועל נעקאָנט אָנערקע־נען. אַזוי האָט אויך געטראַכט וועגן דעם דער יידישער געזעצ־געבער. — דער גאָט פון ישראל איז לגמרי נישט געוועזן דער איינציקער גאָט אויף דער וועלט; אחוץ אים האָט עקזיסטירט נאָך אַ גאַנצע ריי אנדערע געטער. יעדעס פאָלק, יעדער פון די צאָלרייכע שבטים, וועלכע האָבן געוואַנדערט איבער די מדבריות, האָט געהאט זיין גאָט אָדער זיינע געטער. דאָס איבערגיין צו אַן אַנדערן גאָט, דאָס בוקן זיך צו אַן אַנדערן גאָט, האָט באַ־דייט דאָסזעלבע, וואָס אָפּרייסן זיך פונם אייגענעם שבט — און דער יידישער גאָט, וועלכער האָט גערעדט אויף דעמדאָזיקן אופן, האָט אייגנטלעך נאָר גערופן צו אַ שטאַרקער נאַציאָנאַלער יידישער איינהייט.

דער יידישער גאָט — דאָס איז אַזאַ גאָט, וועלכער האָט

געשל אָסן אַן אָפּמאַך מיט אברהמען און האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער „וועט זיינע קינדער פאַרמערן, ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג פון ים". דערדאָזיקער גאָט, ווי מיר ווייסן, האָט אַרויס־געפירט די יידן פון מצרים און צו זיין אויסדערוויילט פאָלק האָט ער געטון פאַרשידענע חסדים. און טאַקע אין נאָמען פון דידאָזיקע חסדים האָט ער געפאָדערט טריישאַפט און גע־האָרכזאַמקייט.

אַנדערע פעלקער — פאַרשטייט זיך — האָבן אויך געהאַט זייערע געטער, וועלכע האָבן זיי געשיצט און זיי צוגעזאָגט צו באַזיגן די שונאים. — כאָטש מ'דאַרף מודה זיין, אַז דער יידי־שער גאָט האָט געגעבן די גרעסטע הבטחות, וואָרן ער האָט זיין פאָלק צוגעזאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי די הער־שאַפט איבער דער גאַנצער וועלט. דערדאָזיקער גאָט איז גע־ווען די פאַרקערפערונג פון דעם פאַרביסענעם און מוראדיק־פונאַנדערגעוואַקסענעם נאַציאָנאַליזם.

דאָס אַלץ האָט פאַר די אַמאָליקע יידישע נאַציאָנאַליסטן געקענט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג, אָבער וואָס פאַראַ שייכות האָבן דערצו מיר, מאָדערנע אייראָפּעער, וועלכע די „זרע אברהם" פון טויזנטער יאָרן צוריק אינטערעסירט אַזויפיל, ווי דאָס זאַמד ביים ברעג פון ים. אונז, וועמען קיינער האָט נישט אַרויסגע־פירט פון מצרים, און וועלכע ווילן גאָרנישט, אַז דאָס „אויס־דערוויילטע פאָלק" זאָל הערשן אויף דער ערד און אַז אַנדערע פעלקער זאָלן „קימען און דינען אים"?

צווישן די פיל געטער, וועלכע זענען געווען און זענען פאַראַן אויף דער וועלט, איז דער יידישער גאָט נישט געוועזן, נישט דער בעסטער און אויך נישט דער קליגסטער — אָט, אַזעלכער, ווי פיל אַנדערע. איבעריקנס, די געטער, פונקט אַזוי ווי די מלכים און כהנים, זענען ענלעך צו זיך אין אַלע צייטן און ערטער. ווען מיר וואָלטן אַלזוי שוין דוקא געמוזט האָבן אַ וועלכן־ס'איז גאָט, טאָ פאַרוואָס זשע וואָלט אונז נישט דער־

ליבט געווען כּמעט צו באַטראַכטן און אויסצוהערן אַנדערע געטער?

די ביבלישע רעדאַקציע פון דעמדאָזיקן געבאָט אַנטהאַלט אין זיך נאָך עפּעס אַנדערש. אַט ווי ס'קלינגט דערדאָזיקער אָפּזאַץ:

„זאָלסט נישט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים.
זאָלסט דיר נישט מאַכן אַ געשניץ, אָדער אַ שום געשטאַלט פון וואָס
אין הימל אויבן, אָדער אויף דער ערד אונטן,
אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. זאָלסט זיך נישט
בוקן צו זיי, און זאָלסט זיי נישט דינען; וואָרום איך יהוה דיין גאָט
בין אַ צערנדיקער גאָט, וואָס רעכן זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס
מיט די קינדער, מיטן דריטן און פערטן דור פון די,
וואָס האָבן מיך פיינט, און טו חסד מיטן טויזנטסטן גליד
פון די, וואָס האָבן מיך ליב, און די, וואָס היטן
מיינע געבאָט".

(שמות כ' 6—3)

דאָס איז אַ פולשטענדיק בפירושער פאַרבאָט צו צייכענען, מאָלן אָדער שניצן וואָס־פאַר־אַ־ס'איז געשטאַלטן פון חיות, מענטשן אָדער הימלישע קערפּער. פון וואַנען שטאַמט דאָס?

ס'איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז סקולפּטור און מאָלעריי האָבן שטענדיק געהאַט אַ זייער גרויסע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון די רעליגיעזע פאָרמען: די געטער האָבן זיך געשטאַלטיקט אין דער פאַנטאַזיע פון די גלויביקע, לויט די סקולפּטורן און מאָלערייען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך קינסטלער. די יידן אָבער, פונקט ווי פיל אַנדערע וואַנדערער, האָבן אַליין נישט געקאָנט שניצן און מאָלן, זיי האָבן דעריבער נאָר געקאָנט באַקומען פון אַנדערע פעלקער געשניצטע אָדער געמאָלטע געטער, דאָס הייסט, אַז זיי האָבן נאָר געקאָנט דינען „פרעמדע געטער".

דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז די יידישע הייליקע שריפטן (כתבי-הקודש) אין דער היינטיקער רעדאַקציע זענען נישט עלטער פונם 6־טן יאָרהונדערט פאַר אונזער צייט רעכע־נונג; זיי זענען רעדאַגירט געוואָרן דורך יידישע כהנים, וועלכע האָבן די רעליגיעזע פילאָזאָפיע געלערנט בײַ די בבלישע חכמים אין דער צייט פון דעם אַזויגערופענעם גלות־בבל. אַט טאָקע די כהנים, וועלנדיק פאַרשפּרייטן דעם כבוד פונם אומגעזעענעם גאָט און גלייכצייטיק אָפּזונדערן די יידן פון אַנדערע נאַציאָ־נאַליטעטן, האָבן זיי אַרויסגעגעבן זייער שטרענגע פאַרבאָטן בנוגע דעם מאַכן זיך שניצערייען און הייליקע בילדער. צוליב דעם, וואָס יעדע סקולפּטור און יעדע מאָלעריי איז אין די הענט פון אַן אומקולטורעלן מענטש זייער לייכט געוואָרן אַ גאָט האָבן דעריבער די יידישע כהנים שטרענג פאַרבאָטן יעדע סקולפּ־טור און מאָלעריי און אַזוי־אַרום האָבן זיי פאַרהייליקט די קינסטלערישע אומפעיקייט פון זייער פאָלק.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער אופן פון איבערצייגן. גאָט — דער יידישער געזעצגעבער — זאָגט לגמרי נישט, אַז די סקולפּטורן און בילדער שטעלן-פאָר אומווירדיקע זאַכן; פאַר־קערט — ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר קאָנ־קורענץ מצד זיי, ווי פאַר די אמתע געטער. ער זאָגט נאָר וועגן זיך, אַז ער איז „צאָרנדיק" און אַז ער איז זיך שטרענג נוקם אין די ווידערשפּעניקע.

מ'וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ קנעכטישע אָדער גאָר אַ הינ־טישע נאַטור, בכדי זיך צו לאָזן איבערצייגן פון אַזעלכע אַר־גומענטן. דער צאַר איז אויך געווען „צאָרנדיק" און האָט זיך אויך שטרענג נוקם געווען, אָבער דאָס האָט דאָך נישט געבראַכט אַרויסצורופן ליבע צו אים.

לאָמיר זיך נאָך פרעגן, „צי די גאָטספאָרכטיקע קריסטן", למשל די רוימיש־קאַטוילישע, וועלכע באַטראַכטן די ביבל פאַר

אַסס וואָרט און לערנען זייערע קינדער די צען געבאָט. צי היטן זיי באמת אָפּ דאָסדאָזיקע געבאָט?

ס'איז נישט שווער זיך איבערצוצייגן, אַז דער קאַטוילישער ג׳ויבן אין איינאונאיינציקן גאָט איז נאָר אַ פאָרמעלער: פאָרמעל פאָרערט די קירך איין גאָט, באמת אָבער פאָרערט זי אַ סך קלענערע און גרעסערע געטער.

קודם-כל האָבן מיר די הייליקע דריי-אייניקייט, אָדער אייגנטלעך דריי געטער: וואָס אָן אמת האָבן די טעאָלאָגן זיך דערויף גענוג אָנגעאַרבעט, בכדי צו באַווייזן, אַז די דריי זענען איינער, אָבער דערדאָזיקער ענין איז היינט פונקט אַזוי נישט אויפגעקלערט, ווי אין IV יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן. אין פּראַקטישן לעבן ווידער פון די גלייביקע טרעטן אויף יעדע פּערזאָן פון דער דריי־אייניקייט און ווירקט, ווי אַ בולט זעלבסט־שטענדיקע געטלעכקייט. דער פּאָפּולערסטער איז יעזוס קריסטוס, צו וועלכן זיי רופן שטענדיק און זענען שטענדיק מתפלל. מיט גאָט דעם פאָטער פאַרנעמען זיי זיך פיל ווייניקער; און וועגן דעם הייליקן גייסט געדענקט שוין פשוט קיינער נישט.

אַ זייער פּאָפּולערע געטלעכקייט, אפשר אַ נאָך פּאָפּולע־ערע פונם האַר יעזוס, איז גאָטס מוטער — די יונגפרוילעכע געטלעכקייט, צו וועלכער מ'איז אומצייליק מתפלל וועגן די פאַרשידנסטע ענינים.

די ענלעכקייט צו דעם אַזויגערופענעם געצנדינסט איז דאָ אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ס'ווערט פאַרערט נישט בלויז גאָטס מוטער, ווי אַ זעלבסטשטענדיקע געטין, נאָר אויך די פאַרשידענע געמאָלטע געשטאַלטן אירע, וועלכע ווערן אַליין געטער. אַזוי ווערט למשל אין פוילן אָפּגעריכט אַ באַזונדערע גאָטסדינסט צו דער טשענסטאָכאָווער גאָטס מוטער — אָדער אייגנטלעך צום בילד אין טשענסטאָכאָוו; נישט ווייניקער ווערט אויך פאַרערט

די אַסטראָבראָמער גאָטס מוטער אין ווילנע און פיל אַנדערע, ווייניקער באַרימטע.

געטלעכקייטן זענען אויך פאַרשידענע הייליקע און דאָס געטלעכקייטן, וועלכע האָבן באַשטימטע ספּעציאַליטעטן. אַזוי, למשל, איז דער הייליקער איזידאָר די געטלעכקייט פון די ערד־אַרבעטער, דער הייליקער פלאָריאַן — פון פייער און פייער־לעשער, דער הייליקער אַנטאָני — פון פאַרלוירענע זאַכן און גנבים אאַז״וו.

יעדע פון זיי האָט אירע קירכן, אָדער אַלטאַרן אין די קירכן, און מיט יעדן פון זיי קאָנען די גלויביקע פאַרקערן, אויב זיי שענקען אים בלומען, ליכט אָדער בלויז פרומע זיפצן, פאַר וועלכע דער הייליקער באַלוינט זיי מיט זיינע חסדים.

דערפון זעען מיר, אַז די קאַטאָליקן זענען לחלוטין נישט די פאַרערער פון איין גאָט, נאָר אַז אין זייער פּראַקטישן רע־ליגיעזן לעבן פאַרערן זיי פיל פאַרשידענע געטער.

זיי היטן אויך נישט אָפּ דעם פאַרבאָט פון שניצן און מאָלן געטלעכע געשטאַלטן. אין אַלע קירכעס, קאַפּליצעס און פּריי־וואַטע וווינונגען איז פאַראַן אַן אומגעהייערע צאָל פיגורן און הייליקע בילדלעך — וואָס ס׳איז בפירוש אין אַ סתירה צום ערשטן געבאָט.

## 4

## וואַלסט נישט אַרויפברענגען דעם נאָמען פון יהוה דיין גאָט צום פאַלשן II

אין הסכּם מיט די גלויבונגען פון אַלע אוראַלטע פעלקער, איז ווער ס׳ווייסט דעם נאָמען פון עפעס אַ גייסט און קאָן אים רופן אויפן געהעריקן אופן, דער קאָן דעם גייסט באַפעלן. דע־ריבער האָבן אַלע מכשפים, כּהנים און אָפּשפּרעכערס שטאַרק

בסוד די נעמען פון די גייסטער און זיי אליין באנוצן זיי נאר אין זייער נייטיקע פאלן.

דער נאמען פון יידישן גאט איז אויך געהאלטן געווארן בסוד; די כהנים האבן אפילו באהויפטעט, אז דעמדאזיקן נאמען קאן אפילו קיינער נישט ארויסרעדן, ווער ס'וואלט אים ווידער געוווסט און אים ארויסגערעדט, דער וואלט פארמאגט כמעט א געטלעכע קראפט.

ס'פארשטייט זיך, אז מיר נייטיקן זיך נישט דא מיט דעמ־דאזיקן גלויבן צו פאלעמיזירן. דאס זענען שוין אזעלכע אלטע פארורטיילן, אז ס'פארטיידיקן זיי אפילו נישט אין דער פולער מאס די גלחים און רבנים, זיי וועלן זיך שוין היינט נישט וואגן אנצושרייבן און עפנטלעך צו פארטיידיקן די באהויפטונג, אז גאטס נאמען האט א כשופדיקע קראפט. די בבא־מעשיות וועגן דער ווונדערלעכער קראפט פון נאמען יעזוס, אדער אנדערע ענלעכע, דערציילט מען נאר בעת די גלחישע דרשות אין די נארישסטע פאראפיעס און אין די לעבנס־באשרייבונגען פון די הייליקע, וועלכע זענען באשטימט פאר אידיאטישע צעך־מייסטערלעך, אדער אומגליקלעכע דינסטן פון דער הייליקער זיטא.

אינטערעסאנט איז אבער, וויאזוי דאסדאזיקע געבאט ווערט לויט מתין (מאטעוש) איבערגעגעבן אין דער עוואנגעליע.

אט וואס מיר לייענען דארט:

„איר האט אודאי געהערט, אז מ'האט די אלטע געזאגט, וועסט נישט שווערן פאלש, נאר וועסט אפגעבן דיין שבועה דעם האר; אבער איך זאג אייך, אז איר זאלט באלד נישט שווערן, נישט ביים הימל... נישט ביי דער ערד... און נישט ביי ירושלים... און אויך נישט ביי דיין קאפ... נאר אייער לשון זאל זיין: יא, יא; ניין, ניין; און אלץ א חוץ דעם, איז פון בייזן" (מתי 37—33 V).

דאס איז א פולשטענדיק בולטער פארבאט אפצוגעבן וועל־

כע-ס'איז שבועות, וועלכעס ווערט אויך איבערגעחזרט אין יעקבס (יאקובס) בריוו (12 — V). דאס באדייט, אז א מענטש דארף קיינמאל נישט שווערן, ער דארף זיינע ווערטער נישט אונטערשטיצן מיט קיין שום הייליקע נעמען, נאר קורץ און דייטלעך זאגן דעם גאנצן אמת, און נאר דעם אמת.

מ'דארף מודה זיין, אז דאס איז איינע פון די שענסטע עוואנגעלישע אנווייזונגען און ווען די גלחים און רבנים וואלטן אזוי אויסגעטייטשט דאס צווייטע געבאט, וואלטן מיר דערויף געקאנט אינגאנצן מסכים זיין. מיר ווייסן אבער, אז עס איז פונקט פארקערט, אז יידן פונקט אזוי ווי קריסטן האבן זייער פיל שבועות און פארפליכטנדיקע קללות. די קאטוילישע קאטעכיזמען פארגעסן זארגפעליק וועגן דעמדאזיקן אפזאץ פון דער עוואנגעליע, און די קריסטלעכע מלוכות צווינגען אינפאך זייערע בירגער צו שווערן מיט געטלעכע נעמען.

א שבועה אין גאטס נאמען גיט מען אפ ביי א חופה; ס'שווערן אויך גלחים און נזירים, א שבועה ביי „גאט און דער הייליקער דרייאייניקייט" מוז אפגעבן דער פרעזידענט פון דער פוילישער רעפובליק, שווערן מוזן עדות אין געריכט, און א צוזאג־שבועה, אונטער דער דראונג פון די שטרענגסטע שטראפן — מוזן אפגעבן מענטשן, וועלכע מ'האט גענומען צום מיליטער, ווען זיי וואלטן אפילו דאס דערהרגענען זייערע נאנטע אין דער מלחמה באטראכט פאר א פארברעכן.

מיר זעען אלזוי, אז דער עוואנגעלישער פארבאט צו שווערן ווערט אינגאנצן נישט אפגעהיטן טאקע דורך דער מלוכה און קירך, ד"ה דורך די ארגאניזאציעס, וועלכע שיצן די געבאטן און די עוואנגעליע.

אויב מיר דרינגען אריין טיפער אין דער געזעלשאפטלעכער ארדענונג, מוזן מיר אנערקענען, אז די קירך און די מלוכה מוזן טאקע אזוי האנדלען. מ'דארף דאך ווי־ס'איז די מענטשן האלטן אין א געוויסער געהארכזאמקייט, ווארן אנדערש וואלט

מען דאַך זיי נישט געקאָנט עקספּלאָאַטירן. גאָטס הייליקער, כּשופ־דיקער נאָמען איז דאָ אַ זייער דערפאָלגרייך מיטל.

אין תּחילת, פון דער קינדהייט אָן, דאַרף מען אין דעם מענטש טיף איינפּלאַנצן דעם גלויבן אין דער וווּנדערלעכער, כּשופדיקער קראַפט פון גאָטס נאָמען; שפּעטער ווידער — ווען ער וואַקסט־אויף — דאַרף מען אים צווינגען צו פאַררופן זיך אין געוויסע פאַלן אויף דעמדאָזיקן וווּנדערלעכן נאָמען, אָדער צו שווערן; אויף אַזאַ אופן ווערט דער מענטש גענומען ווי אין אַ צוים אַריין. דער פּחד פאַר די כּשופדיקע כּוחות, וואָס מ׳האָט אַרויסגערופן, ביים אָפּגעבן די שבועה, ווירקט אַפילו דעמאָלט, ווען דער באַלעבאָס זעט נישט. און צוליב דעם, וואָס גאָט איז — ווי באַוווּסט — שטענדיק אייף דער זייט פון באַלעבאָס און נישט פון קנעכט, איז די שבועה אַ מיטל, וואָס איז נישט אָפּצושאַצן, צום צווינגען מענטשן צו הכנעה.

— האָסט מיר צוגעשוואָוירן צו זיין געהאָרכזאַם, האָסט מיר צוגעשוואָוירן צו אַרבעטן אויף מיר, צו דערהרגענען, וועמען איך הייס דיך, און גאָרנישט אויסצובאַהאַלטן פאַר מיר; געדענק, אַז גאָט קוקט אויף דיר און וועט זיך שרעקלעך נוקם זיין תּאָרן נישט מקיים זיין די שבועה—אַזוי זאָגט דעמאָלט דער מאַרט־האָבער און באַפעלט אַזוי, ווי ס׳איז נייטיק פאַר זיינע אינטערעסן.

— נעם נישט גאָטס נאָמען אומזיסט — דאָס הייסט אייגנט־לעך — באַנוץ דעם הייליקן נאָמען נאָר דעמאָלט, ווען איך — דיין באַלעבאָס און עקספּלואַטאָר — דערלויב דיר דאָס. ווייל דערדאָזיקער נאָמען, פונקט אַזוי ווי אַלץ, איז מיין אייגנטום און מיט דער הילף פון דעמדאָזיקן נאָמען געוועלטיק איך אי־בער דיר.

דער קאַטעכיזם, דערקלערנדיק די צען געבאָט, דראָט מיט גיהינומדיקע שטראָפן פאַר נישט מקיים זיין שבועות — אַפילו פאַרן נישט מקיים זיין צוואַנג־שבועות, ווי, למשל, די מיליטע־רישע שבועה — און רעדט ברייט אַרום וועגן די אַזויגערו־

פּענע לעסטערונגען, און אויך וועגן דעם לייכטזיניקן פאררופן זיך אויף גאָטס נאָמען.

לעסטערונג, אָדער אויסדריקן זיך וועגן געטער אָן דעם געהעריקן כבוד, איז שוין באַזייטיקט געוואָרן פון אַלע קאָדעקסן פון די ציוויליזירטע מלוכות; מ׳האָט זיי באַזייטיקט, ווייל אפילו די בורזשואַזיע האָט געמוזט אָנערקענען, אַז ס׳האָט קיין זין נישט צו היטן שעצן אַלע נאַרישקייטן און אַלע מיאוסקייטן, וועלכע זענען פאַראַן אין דער ביבל, אָדער אין די רעליגיעזע צערעמאָניעס.

פּוילן איז דאָס איינציקע לאַנד, וואָס היט זאָרגפעליק אָפּ דעם שטראָף־קאָדעקס, וואָס איז געבליבן בירושה נאָך די בלוטיקע משוגעים — די ראָמאַנאָווס. זי האָט אויך איבערגעלאָזט דאָס אַרטיקל וועגן לעסטערונגען (אַרט. 73 און ווייטערדיקע פון שטראָף־קאָדעקס).

דער קאָטעכיזם רעדט אויך נאָך וועגן דעם מיסברויכן מיט גאָטס נאָמען אין אַזעלכע אויסדריקן, ווי למשל „יעזוס מאַריאַ“, „ווי גאָט איז מיר ליב“, „גאָטס וווּנדן“ („Rany Boskie“) און ד.גל., וועלכע פיל נישט־קולטורעלע מענטשן וואַרפן־אַריין כמעט אין יעדן זאַץ. — געוויס — דאָס באַנוצן אַזעלכע אויסדריקן, איז אי נישט נייטיק, אי נישט קלוג; אַ מענטש, וואָס רעדט אַזוי, גיט זיך אַליין אַרויס אַ צייגניש פון קנאַפּער שפּראַך־קולטור — פונקט ווי אַ מענטש, וואָס רעדט נישט גראַמאַטיש, אָדער וואָס וואַרפט־אַריין אין זיינע רייד נישט־אָנשטענדיקע אויסדריקן.

פון דערדאָזיקער רויקייט געוויינען זיך מענטשן אָפּ, אין שולן און דורכן פאַרברענגען אין אַ קולטורעלער געזעלשאַפט. — אָבער אַמער קיינער קאָן דאָך נישט באַהויפּטן, אַז דאָס איז אַזאַ וויכטיקע זאַך, אַז ס׳האָט דורך גאָט אַליין געמוזט אויסגעקריצט ווערן אויף די שטיינערנע לוחות.

## III גערענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק

דאָס דריטע געבאָט געהער בלי־שום־ספק צו די אינטערעסאַנטסטע געבאָטן, צוליב זיין געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג. מיר מוזן זיך דעריבער דערמיט אַ ביסל אויספירלעכער פאַרנעמען. דער ביבלישער גאָט, וועלכער באַפעלט צו היילן שבת, באַגרינדעט זיין געבאָט אין צוויי חומשים אויף אַ פאַרשידענעם אופן.

אָט ווי ס'קלינגט דאָסדאָזיקע געבאָט אין „שמות":

„געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק.
זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און טאָן אַלע דיינע מלאָכות;
אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין האַר,
זאָלסטו נישט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער,
דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין בהמה, און דיין פרעמדער,
וואָס אין דיינע טויערן, וואָרום זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם
הימל און די ערד, דעם ים, און אַלץ וואָס אין זיי,
און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דרום האָט גאָט געבענטשט
דעם טאָג פון שבת, און האָט אים געהייליקט".

(שמות כ. 12—8)

אין „דברים" געפינען מיר דאָסזעלבע געבאָט הייליק צו האַלטן שבת, נאָר מיט לגמרי אַן אַנדערער באַגרינדונג. דער מחבר פון „דברים" פאַררופט זיך נישט אויף די זעקס טעג פון באַשאַפן די וועלט, נאָר זאָגט:

„...כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אזוי ווי דו.
און זאָלסט געדענקען, אז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים, און גאָט
דיין האַר האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט
אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דרום האָט גאָט דיין האַר דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג פון שבת.

(דברים ה. 15—14)

מיר פאַרמאָגן נישט קיין היסטאָרישע דאָקומענטן, וועלכע זאָלן בפירוש עדות־זאָגן וועגן דעם, אונטער וואָס פאַרא געזעל־שאַפטלעכע השפּעות ס'איז געשריבן געוואָרן דער חומש „דברים", מיר קאָנען אָבער מיט דער גאַנצער זיכערקייט זאָגן, אַז דער, וואָס האָט עס געשריבן, האָט בלי־שום־ספק געוואָלט פאַרטיידיקן די אַרבעט־מענטשן, פאַרזיכערן זיי כאָטש איין אָפּרו־טאָג אין דער וואָך.

אַזאַ אופן פון אַוועקשטעלן די פראַגע האָט געקענט זיין אַ רעזולטאַט נאָר פון אַ דרוק מצד די אַרבעטנדיקע מענטשן, אָדער — מיטן ווילן אריבערצוציען זיי אויף זייער זייט. וואָרן די יידישע כהנים און נאָכמער די אַזויגערופענע נביאים זע־נען נישט איינמאָל אַרויסגעטרעטן אין דער ראָלע פון פאַרטיי־דיקער פונם אונטערדריקטן פאָלק און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך דעראָבערט פאָליטישע איינפלוסן.

דער שבת, אַזוי באַגרינדעט, ווי אין „דברים", איז אַ גע־זעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס פאַרזיכערט דעם אַרבעטער און קנעכט כאָטש איין טאָג רו נאָך יעדע 6 איבערגעהאָרעוועטע טעג. מיר קאָנען דאָס באַטראַכטן ווי אַן התחלה פון אַן אַרבעט־שוץ־געזעצגעבונג. און דאָס איז כאָטש דער איינציקער מנהג פון דעם מין אין אַלטערטום. אין גריכנלאַנד און אין רוים איז בכלל נישט געווען קיין רעגולערער רוי־טאָג און די מענטשן פון שווערער אַרבעט האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין טאָג פאַר זיך.

ווען דאָס דריטע געבאָט וואָלט בלויז געווען אַ באַפעל צו געבן אָפּרו די דינסטן און קנעכט, וואָלטן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר גאָרנישט נישט געהאַט קעגן דעם, נאָר פאַרקערט, מיר וואָלטן עס באַטראַכט פאַר אַ זייער גערעכטן און פאַר־שטענדלעכן געבאָט.

ליידער אָבער, זענען די כהנים, וואָס האָבן רעדאַגירט די הייליקע שריפט און זענען געווען די פירער פון רעליגיעזן לעבן, פאַקטיש אַרויסגעטרעטן אין דער ראָלע פון פאָלק־פאַר־

טיידיקער, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי שטאַרק געזאָרגט דער־פאַר, אז דאָס פאָלק זאָל זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען אַליין פאַרטיידיקן זיינע רעכט. — ס'איז דערביי אינטערעסאַנט, אַז אין דעמדאָזיקן געבאָט, ווי אין אַלע אַנדערע, ווענדט זיך לגמרי נישט דער געזעצגעבער צו די דינסטן און קנעכט גופא.

אַלע געזעצן — אַלזוי אויך די צען געבאָט — זענען גע־שאַפן געוואָרן פאַר די האַרן און דער געזעצגעבער, אין דאָזיקן פאַל גאָט אַליין, רעדט נאָר צו די האַרן.

ווען ער וואָלט גערעדט צו די קנעכט, וואָלט ער גע־זאָגט: — וועסט נישט אַרבעטן אום שבת, וועסט זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, ווען אַפילו דיין האַר זאָל דיך הייסן, און וועסט פאַרטיידיקן דיינע חברים, אויב מ'זאָל זיי צווינגען צו אַרבעטן. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ מרידה און אַ בונט קעגן די האַרן און די ביבל וועט דאָס קיינמאָל נישט טון. די ביבל, וועלכע זאָל זיין גאָטס וואָרט, ווענדט זיך נאָר צו די האַרן און רעקאָמענדירט זיי צו זיין מילד.

אָבער אין דער ווירקלעכקייט שטעלט זיך די פראַגע נאָך ערגער פאַר. איבער דעם הומאַניטאַרן באַפעל פון געבן אָפּרו האָבן געהערשט ווילדע פאָרורטיילן, די האַרן פון אַלע צייטן און ערטער האָבן בעסער געוואָלט אויסטייטשן די פליכט פון שבת־רו לויט „שמות", ווי לויט „דברים"; דאָס הייסט, אַז זיי האָבן נישט גע־עדט וועגן אָפּרו, נאָר וועגן הייליקן אומבאַריר־לעכן טאָג — ווייל דער העכסטער האַר פון אַלע האַרן, גאָט אַליין, האָט אויך אין דעם טאָג גערוט.

אַזוי־אַרום איז דער שבתדיקער טאָג געוואָרן נישט קיין טאָג פון אָפּרו, נאָר אַ הייליקער טאָג, אַ „טאַבו"־טאָג — ווי ס'רופן עס אַ טייל געלערנטע. אין דעמדאָזיקן טאָג דאַרף מען נישט אַרבעטן, נישט דערפאַר, וואָס דעם מענטש קומט זיך אָפּ־צורוען, נאָר בכדי אָפּצוגעבן כבוד דעם העכסטן האַר פון די האַרן, און אז אויך דער קנעכט זאָל זיך בוקן צום „מלך מלכי

המלכים". ווען מ'זאָל די זאַך באַהאַנדלען ריין מענטשלעך, שכל־דיק — וואָלט מען די דינער און קנעכט נאָר געדאַרפט פאַר־זיכערן די מעגלעכקייט פון פאַרטיידיקן זיך, און זיי אַליין וואָלטן שוין אָפּגעהיטן, אַז דער רו־טאָג זאָל ווירקלעך זיין אַ טאָג פון רו. אָבער דאָס וואָלט געפּערלעך געווען פאַר די אינ־טערעסן פון די האַרן. מאַכנדיק פונם אָפּרו־טאָג אַ טאָג פון „טאַבו", האָט מען אין דער ביבל באַשטימט טויט־שטראָף פאַר דעם, וואָס וועט אין דעמדאָזיקן טאָג אויספירן וועלכע־ס'איז אַרבעט; מ'האָט אָבער נישט באַשטימט קיין שום שטראָף פאַרן האַר, וועלכער וואָלט דעם דינער געהייסן אַרבעטן אום שבת. פון דעם האָט אַרויסגעדרונגען, אַז אויב עמיצער פון זיי וואָלט געאַרבעט אום שבת צוליבן האַרס באַפעל, וואָלט מען דערפאַר געטייט נישט דעם האַר, וועלכער האָט געהייסן, נאָר דעם דינער, וואָס האָט דעם באַפעל געפאָלגט.

די האַרן־גערעכטיקייט און די האַרן־געזעצגעבונג גייט שטענדיק אויף אַזעלכע וועגן.

מאַכנדיק פון שבת נישט קיין אָפּרו־טאָג, נאָר אַ הייליקן טאָג, האָבן זיך די כהנים און האַרן באַמיט אים צוצוגעבן אַ כאַראַקטער פון עפּעס אַן אומגעוויינטלעכן טאָג. דאָס פייערן דעם שבת, האָט געזאָלט זיין עפּעס אַזעלכעס, וואָס עקזיסטירט שוין זינט די וועלט שטייט. אין דעם פאַנאַטישן אָפּהיטן דעם הייליקן טאָג איז מען אַזוי וויט דערגאַנגען, אַז מ'האָט אַפילו אום שבת נישט געטאָרט היילן קיין קראַנקען. אין XII קאַפּיטל פון דער עוואַנגעליע לויט מתין געפינען מיר אַ מעשה וועגן אַ ויכוח צווישן יעזוסן און די פּרושים מכּוח שבת: יעזוס באַ־הויפּטעט, אַז אום שבת מעג מען זיך אָפּרייסן עפּעס צום עסן און מ'מעג היילן אַ קראַנקן, די פרושים, אָבער, באַטראַכטן אַזאַ לערע פאַר אַפּיקורסיש.

צו וואָס פאַרא נאַרישקייטן ס'דערגייען די, וואָס פייערן שבת, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס די פרומע יידן קאָכן נישט

אום שבת נאָך ביזן היינטיקן טאָג און טראָגן נישט ביי זיך אפילו אַזעלכע זאַכן, ווי אַ נאָז־טיכל, אַ זייגערל, א מעסערל א. ד. גל., האַלטנדיק, אַז אין דעמדאָזיקן טאָג טאָר מען נישט טראָגן.

לאָמיר זיך אָבער צוקוקן דערצו, וויאַזוי דאָסדאָזיקע גע־באָט ווערט אָנגעווענדט אינם לעבן פון מאָדערנע קולטורעלע מענטשן. — קודם־כל דאַרף מען באַמערקן, אַז דידאָזיקע גרוי־סע רעליגיעזע רעוואָלוציע, וועלכע מיר רופן אָן די אַנטשטייונג פון קריסטנטום, אַריבערטראָגנדיק דעם רו־טאָג פון שבת אויף זונטיק, האָט באמת פאַרוואָרפן דאָס דריטע געבאָט, וועלכעס רעדט בפירוש וועגן שבת און נישט סתם וועגן אַ רו-טאָג. ס'וואָלט אָבער אויך געווען אַ טעות די מיינונג, אַז די קריסטן זענען נאָר אויסן געווען דערמיט צו געבן די מענטשן אַ גע־העריקן רו־טאָג. דאָס קריסטנטום וואָלט נישט געווען קיין רע־ליגיע, די קריסטלעכע כהנים וואָלטן נישט געווען די יורשים פון די פאַרשידענע אַנדערע — מיצרישע, רוימישע, יידישע — כהנים, ווען זיי וואָלטן דעם רו-טאָג נישט צוגעגעבן דעם כאַראַקטער פון אַ הייליקן טאָג — אַ צויבער־טאָג, אַ „טאַבו"־טאָג. דעריבער אויך פייערן ווידער די קריסטן נישט זונטיק ווי אַ רו־טאָג, נאָר ווי אַ פאַרערונג פון יעזוסעס א. ג. תחית־המתים.

מיט די הייליקע טעג איז נאָך געווען ווי־ס'איז צו דער־ליידן, כל־זמן די ערד איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פלאַכע, איבער וועלכער די זון רוקט זיך יעדן טאָג אַדורך מיט אַן אומ־פאַרענדערלעכער רעגולערקייט, באַצייכענענדיק די צייט-אָרדענונג. מ'האָט דעריבער געקאָנט מיינען, אַז גאָט האָט זיך אויסגעקליבן עפּעס אַ באַזונדערן טאָג און אַז אין דעמדאָזיקן טאָג דאַרף די גאַנצע וועלט רוען. אָבער אַט איז די ערד געוואָרן אַן אַרומקרייזנדיקע קויל, איבער וועלכער ס'רוקן זיך דורך די טעג און נעכט, און אין יעדער רגע איז אויף פאַרשידענע וועלט־פּונקטן גלייכצייטיק טאָג, נאַכט, מיטן-טאָג און באַגינען — מיט איין וואָרט, אַלע

שעהן פון טאָג און נאַכט. אויב מיר זאָלן פאָרן כסדר צו מזרח און רעכענען טאָג נאָך טאָג, וועלן מיר נאָכן אַרומרייזן אַרום דער וועלט, האָבן איין טאָג פאַראיבעריקט; און-פאַרקערט, אויב מיר זאָלן פאָרן כסדר צו מערב — פאַרלירן מיר איין טאָג. די גאַנצע אָרדענונג פון די הייליקע טעג ווערט צוליב דעם צעמישט. ווי באַוווּסט — איז היינט, ווען מע פאָרט אַריבער דעם אָקעאַן, לאָזט מען דורך, אָדער מ׳גיט-צו איין טאָג צום חשבון, בכדי זיך אויסצוגלייכן מיטן קאַלענדאַר אויף דער יבשה.

נישט דער אַלטער יהוה, וואָס האָט משהן דיקטירט די תורה, און נישט אויך דער הייליקער גייסט, וואָס האָט באַגייסטערט די מחברים פון דער עוואַנגעליע און אויך נישט די קירכן־פאָטערס האָבן עפּעס-וואָס געוווּסט וועגן נסיעות אַרום דער וועלט. מ׳קאָן זיך אַלזוי נישט וווּנדערן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן געבאָטן און אָנגעשריבן צו זיי קאָמענטאַרן, וועלכע ס׳איז שוין היינט נישט מעגלעך צו אָנערקענען פאַר אייביק־בערצייגנדיקע.

אָבער לאָמיר איבערגיין צו די ענינים, וועלכע זענען אונז מער נוגע. כּל־זמן די סאָציאַלע ווירטשאַפט האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון דער עלעמענטאַרער לאַנדווירטשאַפט, איז זייער לייכט געווען איבערצורייסן יעדע אַרבעט אויף איין טאָג; מע האָט אַפילו געקאָנט דערגיין דערצו, אַז אין דעמדאָזיקן הייליקן טאָג זאָל מען זיך אַפילו נישט פאַרטיידיקן פון אַ פיינטלעכן איבערפאַל. דער לאַנדווירט אָדער דער פאַסטוך, אָדער גאָר די איינוווינער פון אַ האַנטווערקער־שטעטל, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַן אַגראַר-שטח, אָדער ביים ברעג פון ים, האָבן זיך געקאָנט אָפּהאַלטן פון יעדער אַרבעט אין משך פון אַ טאָג, אָדער אַפילו אין משך פון עטלעכע טעג בעת די פייערלעכע ימים־טובים. — אָבער אויפן ים איז שוין נישט מעגלעך אָפּצושטעלן די אַרבעט אויף די יום־טוב־טעג; וואָרן די ווינטן

און ים־שטראָמען רעכענען זיך לגמרי נישט מיטן שבת אָדער מיטן זונטיק, און די מאַטראָזן, וועלכע וואָלטן בדעה געהאַט אין אַ יום־טוב־טאָג נישט צו אַרבעטן, וואָלטן זיך אינגיכן געפונען אויף געפערלעכע וועגן.

ס׳איז כדאַי דאָ צו באַמערקן, אַז די יידן, וועלכע האָבן אָפּגעהיטן שבת, זענען קיינמאָל קיין מאַטראָזן נישט געווען.

אין דער סאָציאַלערווירטשאַפט, וועלכע איז שוין גאָר ווייט אַוועק פון דער פרימיטיווער פּאַסטוכער־אָדער לאַנד־ווירטשאַפט, זענען פאַראַן פיל אַזעלכע אַרבעטן, וועלכע מ׳קאָן אין קיין שום יום-טוב, אַפילו אין די פייערלעכסטע ימים-טובים נישט פאַרלאָזן.

אמער קיינער וועט דאָך נישט טראַכטן וועגן אָפּשטעלן אום יום־טוב די אייזנבאַנען, טראַמווייען, וואַסערלייטונג, טעלעגראַפן, טע־לעפאָנען, גאַז־ און עלעקטרי־אַנשטאַלטן אאַז״וו; אמער ס׳זענען דאָך פאַראַן פאַבריקן, למשל גרויסע הוטעס און פיל כעמישע פאַבריקן, וועלכע מ׳קאָן אַפילו אויף איין טאָג נישט אָפּשטעלן און וואָס מוזן שטענדיק אַרבעטן אָן אויפהער.

אין דער צוקונפט ווידער, וועלן אזעלכע געזעלשאַפטלעכע איינ־אָרדענונגען און אַזעלכע פאַבריקן נישט ווערן ווינציקער, נאָר נאָך פיל מער, ווי היינט.

די מאָדערנע מעכאַניזירטע ווירטשאַפט, וועלכע ווערט וואָס־אַמאָל מער קאָמפּליצירט אַ דאַנק דעם, וואָס מ׳פירט־איין אין איר אַלץ מער מאַשינען, פאַרטראָגט נישט קיין הפסקות. זי מוז פליסן אָן אָפּהאַלט, ווי דאָס בלוט אין די אָדערן, ווי אַ טייך, ווי די ערד אַרום דער זון.

די הייליקע טעג, די „טאַבו״־טעג, אין וועלכע מ׳טאָר גאָר־נישט טון, זענען געוואָרן אַן אומזין און אַן אוממעגלעכקייט.

דעריבער טאָקע קעמפט נישט דער מאָדערנער מענטש פאַר די הייליקע טעג, נאָר פאַר דער פאַרקירצונג פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט־צייט, אָדער פאַר רו־טעג. אמער אויף

די באַנען, טראַמווייען, וואַסערלייטונג אאז״וו זענען דאָך אויך פאַראַן רו־טעג, נאָר זיי זענען איבעו געריקט אויף בייטונגען, דאָס הייסט, אַז זיי פאַלן־אויס פאַר פאַרשי־ענע מענטשן אין די פאַרשידענע טעג פון דער וואָך.

6

## VII האַלט אין כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער

דאָסדאָזיקע געבאָט ווייזט זיך אין פלוג אויס צו זיין אַן אַלגעמיין־מענטשלעך מאָראַליש געבאָט, וועלכעס איז נישט פאַרבונדן מיט עפעס אַ באַשטימטער צייט אָדער אָרט. די צוגעבונדנקייט צו עלטערן איז אַזאַ נאַטירלעך און אַלגעמיין געפיל, אַז ס׳דאַכט זיך, גלייך ווי ס׳וואָלט דאָ גאָרנישט געווען וואָס צו זאָגן.

נאָר אַ קליינע פראַגע:

פאַרוואָס איז אין די „עשרת־הדברות״ נישטאָ קיין באַפעל פאַר די עלטערן — „זאָלסט ליב האָבן און דערציען דיינע קינדער?״ — אמער, פאַטעס וואָס זאָרגן נישט פאַר זייערע קינדער, האָט דאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געפעלט, און אויף מזרח, ווו ס׳איז פאַרשפרייט געווען דער מנהג צו האָבן פיל ווייבער און קעבס־ווייבער, האָבן די פאָטערס זייער אָפט אַרויסגעטריבן זייערע ווייבער, וועלכע זענען זיי פאַרמיאוסט געוואָרן, צוזאַמען מיט די קינדער. פאַר אַ ביישפיל קאָן דינען אַפילו אַברהם אבינו, מיט וועמען גאָט אַליין האָט פיל מאָל גערעדט, און וועלכער האָט אַרויסגעטריבן אין מדבר אַריין זיין קעבסווייב הגר, צוזאַמען מיטן זון ישמעאל. דאָס נישט זאָרגן פאַר די אייגענע קינדער, און אַפילו דאָס פשוטע אויסנוצן זיי, איז געווען און איז אַ זייער אָפטע דערשיינונג — פאַרוואָס־זשע שווייגט וועגן דעם דאָס געבאָט.

צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס דאָסדאָזיקע געבאָט איז לגמרי נישט קיין אויסדרוק פֿון עפּעס אומאָפּהענגיקע פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג פֿאַמיליען־געפֿילן, נאָר באַפֿעלט אָפּצוגעבן כּבוד דערפֿאַר, ווײַל דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכע גרונט־פֿליכט אין אַ געוויסער ווירטשאַפֿטלעכער אָרדענונג.

אין דער פּאַסטוכער־ווירטשאַפֿט איז די פֿאַמיליע געווען די וויכטיקסטע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע. דער פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע, דער פּאַטריאַרך, איז געווען דער זעלבסטהערשנדיקער ראש פֿון דער גאַנצער גרופּע, וואָס איז טיילמאָל באַשטאַנען פֿון זייער פֿיל פּערזאָנען — זין און טעכטער, איידעמס און שנירן, פֿון ווײַטערע קרובֿים און דינער. דער כּבֿוד, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן די עלטערן אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע, איז געווען דאָס, וואָס האָט די אָרגאַניזאַציע צונויפֿגעבונדן אין איין גאַנצקייט, און באַשאַפֿן פֿון איר די געזעלשאַפֿט.

מ׳דאַרף אויך באַמערקן דעם זייער כאַראַקטעריסטישן פֿאַקט, וואָס די „צען געבאָט“, וועלכע זענען געוואָרן באַטראַכט ווי אַ זאַמלונג פֿון די העכסטע מאָראַלישע געבאָטן פֿאַר אַלע צײַטן און ערטער, דערמאָנען נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן פּאָטערלאַנד, וועגן ליבע צום פֿאָטערלאַנד, וועגן אַכטן די געזעצן פֿון פֿאָטערלאַנד, וועגן פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָטערלאַנד. — און אַ פֿאָטערלאַנד, און פֿליכטן לגבי אים, האָט נישט נאָר אַ הײַנטיקער אייראָפּעער, נאָר ס׳האָבן זיי פֿאַרמאָגט אויך למשל יעדער גריכישער בירגער פֿון V און VI יאָרהונדערט פֿאַר קריסטוסן. די געלערנטע גריכישע חכמים רעדן זייער אָפֿט וועגן פֿאָטערלאַנד. פֿאַרוואָס שווײַגן וועגן דעם די „צען געבאָט“?

צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס אין יענע צײַטן און אין יענע ווירטשאַפֿט־פֿאַרהעלטענישן, ווען ס׳זענען געשאַפֿן געוואָרן די „צען געבאָט“, ד. ה. אין די צײַטן פֿון וואַנדערונגען, פֿון פּאַסטוכער־לעבן אין די סטעפּעס, פֿון רויבערישע אויספֿלוגן אין ד,

מדבריות, איז נאָך נישט געווען קיין פאָטערלאַנד אין דעם מאָ־דערנעם און אויך נישט אין אַלט־גריכישן זין פונם דאָזיקן וואָרט. די וואַנדערער האָבן נישט געהאַט קיין פאָטערלאַנד.

צי די יידן, וועלכע זענען געווען די מחברים פון די „צען געבאָט", האָבן געהאַט ווען־ס'איז אַ פאָטערלאַנד — פונקט ווי ס'האָבן דאָס געהאַט די גריכן, רוימער, אָדער די מאָדערנע אייראָפּעישע פעלקער — דאָס איז אַ זייער צווייפלהאַפטע זאַך. טייל געלערנטע צווייפלען בכלל אין די יידישע לעגענדעס וועגן דער מאַכט פון שלמה המלך א. א. וו. — יידן זענען גיכער שטענדיק געווען וואַנדערער, און שפּעטער סוחרים, צעשפּרייטע איבער פאַרשידענע שטעט — ירושלים ווידער און איר בית־המקדש זענען געווען בלויז דער זאַמלפּונקט פון גאַנצן יידנ־טום, אָבער לגמרי נישט קיין הויפּטשטאָט פון לאַנד, וועלכעס איז באַוווינט געווען אויסשליסלעך דורך יידן.

אין אַזעלכע באַדינגונגען, דאָס הייסט אין וואַנדער־לעבן, און שפּעטער אין סוחרישן לעבן, האָט די פאַמיליע געהאַט אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג. די געהאָרכזאַמקייט לגבי דעם משפחה־פאָטער, לגבי דעם ראש, האָט פאַרזיכערט דעם נצחון בעת פיל קאַמפן, וואָס וואַנדערער מוזן שטענדיק דורכמאַכן, און אין האַנדל האָט עס פאַרזיכערט דערפאָלג און איבערגעוויכט איבער די קאָנקורענטן. וואָס צאָלרייכער די פאַמיליע פונם וואַנ־דערער איז געווען און וואָס דיסציפּלינירטער זי איז געווען, אַלץ בעסער איז איר געגאַנגען.

איצטער אָבער אַנטשטייט די פראַגע, וואָס האָט פאַרבונדן אין איין גאַנצקייט די גרויסע צאָל וואַנדערנדיקע אָדער סוחרי־שע יידישע משפחות?

דידאָזיקע משפחות האָבן נישט געהאַט קיין פאָטערלאַנד, נאָר אַלע האָבן געגלייבט אין דעם מעכטיקן גאָט — יהוה, וואָס זאָל זיי האָבן צוגעזאָגט די הערשאַפט איבער דער וועלט. דער

גאָט יהוה האָט אַלע יידישע משפּחות פאַרבונדן אין איין אָרגאַניזאַציע.

אַט פאַרוואָס אין די יידישע „צען געבאָט" ווערט נאָר גערעדט וועגן גאָט און וועגן דער משפּחה. יעדער ייד האָט געהערט צו עפּעס אַ משפּחה, אָדער ער איז מחויב געווען צו האָרכן דעם עלטסטן פאָטער — דעם פּאַטריאַרך, דער פאָטער ווידער איז אונטערגעוואָרפן געווען גאָט, אָדער בעסער געזאָגט דער הערשנדיקער כּהנים־אָרגאַניזאַציע. אַן ענלעכן סאָציאַלן אָר־גאַניזאַציע־בוי, וואָס איז איבעריקנס פאַרבונדן מיט די יידישע רעליגיעזע מסורות, באַגעגענען מיר ביי אַ צווייט פאָלק פון וואַנדערער און סוחרים, — ביי די אַראַבער.

מיר זעען אַלזוי, אַז דאָס געבאָט — „גיב אָפּ כּבוד דיין פאָטער און מוטער" — ווערט ערשט פאַרשטענדלעך און איינ־גאַנצן באַרעכטיקט אויפן פאָן פון די וואַנדערער־און סוחרים־מנהגים.

אין אַזעלכע לענדער, ווי, למשל, דאָס אַלטערטימלעכע רוים, ווו דער יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע זײַנען געווען די פאַמיליעס פון די גרויסע פּריצים, וואָס זע־נען אונטערגעוואָרפן געווען דער מאַכט פונם עלטסטן פאָטער, האָט דאָס פערטע געבאָט אויך געקאָנט זיין באַרעכטיקט; ווען ס'וואָלט אָבער עמיץ געפרעגט אַ רוימער, וואָס ער טראַכט וועגן די צען געבאָט, וואָלט ער זיכער געענטפערט: — זייער ריכטיק, וואָס איר געדענקט אָן דער פאַמיליע, אָבער פאַרוואָס שווייגט איר — וועגן דער רעפּובליק? — פאַר אַ בירגער פון די אַל־טערטימלעכע גריכישע מלוכהלעך, ווו די פאַמיליען־אָרגאַניזאַציע איז פיל שוואַכער געווען, ווי אין רוים, וואָלט דאָס פערטע געבאָט געהאַט נאָך אַ קלענערע באַדייטונג. ענדלעך פאַרן גרי־כישן אָדער רוימישן קנעכט און אַרבעטנדיקן מענטש האָט דאָס געבאָט בּ־שט געמוזט האָבן קיין גרויסע באַדייטונג, און ער איז זיכער געווען ביי דער מיינונג — אויב ער האָט בכלל געקאָנט

אויסדריקן זיינע אנשויונגען — אַז די וויכטיקסטע זאַך איז נישט אַזוי די נעהאָרכזאַמקייט לגבי די עלטערן, ווי די אַלגע־מיינע גערעכטיקייט.

דעריבער זעען מיר טאַקע, ווי אין די צייטן פונם אַנטשטיי־ענדיקן קריסטנטום, ווען פון צווישן די אָרבעטנדיקע מאַסן האָבן זיך אויסגעשיילט נייע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און ווען די אַלטע שטאַמען, די אַלטע מנהגים און דינים, די אַלטע מלוכות זענען זיך צעפאַלן, אַנטשטייען נייע פאַרבאַנדן, וועלכע רעכענען זיך לגמרי נישט מיט די פאַמיליען־פליכטן.

אין VIII קאַפּיטל פון דער עוואַנגעליע לויט לוקישן (לוּ־קאַש), געפינען מיר אַ מעשה וועגן דעם, ווי צו יעזוסן איז געקומען זיין מוטער און זי האָט זיך נישט געקאָנט צוקריגן צו איר זון, צוליב דער אומגעהייער גרויסער מחנה מענטשן, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. ווען מ'האָט דאָס יעזוסן דערציילט, האָט ער געזאָגט: „מיין מוטער און מיינע ברידער זענען די וואָס הערן און וואָס זענען מקיים גאָטס וואָרט". — דידאָזיקע ווערטער שטרייכן פשוט איבער דאָס פערטע געבאָט. — און דאָס איז לגמרי נישט קיין אויסנאַם־אַפּזאַץ אין די עוואַנגעליעס.

— אין VIII קאַפּיטל לויט מתין (מאַטעוּש), רעדט זיך וועגן דעם, אַז צו יעזוסן האָט זיך געווענדט אַ נייער תּלמיד, וועלכער האָט מיט אים געוואָלט מיטגיין, נאָר ער האָט אים געבעטן, אַז ס'זאָל אים פריער דערלויבט זיין צו גיין מקבר זיין זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. און יעזוס האָט אים דערויף געענטפערט: —

„גיי נאָך מיר און זאָלן די טויטע באַגראָבן זייערע טויטע".

ענדלעך איז צומשטאַרקסטן דערדאָזיקער געדאַנק אויסגע־דריקט ביי לוקישן:

„אויב ס'גייט עמיץ צו מיר, און פילט נישט קיין שנאה צו זיין פאָטער

און מוטער, צו זיין ווייב, קינדער, ברידער און שוועסטער, און אויך נאך צו זיין נשמה (לעבן), קאן ער נישט זיין מיין תלמיד".
(לקיש 26—XIV)

דער לעצטער זאץ פאדערט נישט, פארשטייט זיך, פיינט צו האבן די עלטערן, נאר — מיט דער איבערגעטריבנקייט, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר די אריענטאלישע שרייבער, דריקט ער אויס דעם געדאנק, אז פאר דער ארגאניזאציע, וואס איז געשאפן געווארן דורך יעזוסן, דארף מען מקריב זיין אלץ, — דעם פאטער און די מוטער, די גאנצע פאמיליע, און דאס אייגענע לעבן. — די קריסטלעכע ארגאניזאציע, די קירך, רעכנט זיך נישט דא מיט דער פאמיליע, פאר איר „זאך" הייסט זי פארלאזן אלץ און אלעמען. ס'איז קלאר, אז אזעלכע ארט לערעס האבן נישט געקאנט געפינען קיין אפקלאנג נישט צווישן די יידישע כהנים און אויך נישט צווישן די אריסטאקראטן — די רוימישע פריצים. בלויז די היימלאזע פראלעטאריער, וועלכע האבן זייער אפט כמעט נישט געקענט זייערע אייגענע עלטערן, האבן עס געהאלטן פאר ריכטיק און קלוג און זיי זענען צוגעטרעטן צו די קריסטלעכע ארגאניזאציעס.

אין דער שפעטערדיקער געשיכטע פון דער קירך זעען מיר, אז דער פרינציפ, וועלכן דער מחבר פון לוקאשס עוואנגעליע לייגט־אריין אין יעזוסעס מויל, געפינט א ברייטע אנווענדונג. דער גאנצער קערן פון דער קירך־ארגאניזאציע שטיצט זיך אויף מענטשן, וועלכע האבן זיך אפגעזאגט פון זייערע פאמיליעס און פאלגן נישט דעם פאטער און נישט די מוטער, נאר דעם ביסקופ — אויב זיי זענען וועלטלעכע גלחים — אדער דעם עלטסטן פונם קלויסטער, צו וועלכן זיי געהערן — אויב זיי זענען נזירים.

אויב מיר וועלן לסוף איבערגיין צו די איצטיקע צייטן, וועלן מיר זיך איבערצייגן, אז נישט נאר אין דער פראלעטארישער סביבה, נאר אויך אין דער אפגעשטאנענער בורזשואזער

געזעלשאַפט האַלט שוין נישט קיינער, אַז דערוואַקסענע מענטשן זאָלן מחויב זיין צו האָרכן זייערע עלטערן. אַפילו דער קאַטעכיזם לערנט דאָס נישט. אַ דערוואַקסענער זון אָדער אַ דערוואַקסענע טאָכטער ווייזן שטענדיק אַרויס אַ נאַטירלעכע אכטונג און ליבע צו זייערע עלטערן, אָבער זיי טראַכטן און פירן זיך אַזוי אויף, ווי ס׳דיקטירט זיי דער אייגענער פאַרשטאַנד און געוויסן.

אונזערע היינטיקע אַרבעטעראָרגאַניזאַציעס בינדן צונויף מענטשן אין אַ דיסציפּלינירטער גאַנצקייט, נישט רעכענענדיק זיך לגמרי מיט די פאַמיליעס; און גאַנץ אָפט טרעפט זיך, אַז אַ זון געהערט צו אַזאַ פּאַרטיי, פון וועלכער דער פאָטער וואָלט זיך געוואָלט אָפּרייסן מיט ביידע הענט. אַפילו דאָס בורזשואַזע פּאָטערלאַנד נעמט־צו ביי די פאָטערס זייערע זין צום מיליטער און פרעגט לגמרי נישט דעם פאָטער קיין דעה.

די פּאַטריאַרכאַלע משפּחה, וועמענס הויפּט ס׳איז געווען דער עלטסטער פאָטער און פאַר וועלכער ס׳איז געשאַפן געוואָרן דאָס פערטע געבאָט, איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן — צוזאַמען מיט די וואַנדערער־מנהגים פוו די מדבר-פּאַסטוכער און צוזאַמען מיט דער ווירטשאַפט פון די גרויסע גוטבאַזיצערישע, אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. דאָס פערטע געבאָט זעט היינט אַזוי אויס, גלייך ווי ס׳וואָלט געשאַפן געוואָרן אויסשליסלעך פאַר מינדעריאָריקע; אָבער אין דעם פאַל פעלט אים דער אַנטשפּרעכנדיקער באַפעל אין דער געשטאַלט פון די עלטערנס פליכטן לגבי די קינדער.

## V זאלסט נישט הרגענען

פון אַלע צען געבאָט האָט דאָס פינפטע די פּאַראַלגעמיינערטסטע און דויערהאַפטיקסטע באַדייטונג. דער אומבאַדינגטער — אָנגעגעבן אָן שום פּירושים — פאַרבאָט צו דערהרגענען אייגענע

קאָן פּאַקטיש צוגעפּאַסט ווערן צו אַלע צייטן און ערטער; מ׳וואָלט אים אומעטום געקאָנט בראַפּאַגירן און אומעטום אים אַרויסרופן, ח׳ אַ הויפּט־געבאָט.

אומעטום אָבער בלייבט דאָסדאָזיקע געבאָט נאָר אַ נישט־פאַרווירקלעכטער באַגער. דאָסדאָזיקע געבאָט ברעכן אומאויפהער־לעך קודם־כל די, וועלכע פאַרטיידיקן צומשטאַרקסטן טאַקע דידאָזיקע געבאָטן.

אָט געפינען מיר אינם 21־טן קאַפּיטל פון „שמות", אַלזוי טאַקע באַלד אינם צווייטן קאַפּיטל נאָך די „עשרת הדברות", אויספירלעכע פאַרשריפטן, וויאַזוי מ׳דאַרף זיך אויפפירן מיט פאַרשידענע מינים רוצחים. דאָסדאָזיקע קאַפּיטל דראָט — אין נאָמען פון דעם אַרויסגעזאָגטן אין אים פּרינציפּ „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן" — יעדן רוצח מיט טויט־שטראָף, — ווער ס׳האָט דערהרגעט זיינס אַ נ אָ נ ט ן, דער מוז ווערן דער־הרגעט — טויט פאַר טויט.

פון דעמדאָזיקן געזעץ איז אָבער פאַראַן אַן אויסנאַם:

„און אז אַ מאַן וועט שלאָגן זיין ק נ ע כ ט, אָדער זיין ד י נ ס ט מיט אַ שטעקן, און זיי וועלן שטאַרבן אונטער זיין האַנט, זאָל ע ר ב אַ ש ט ר אָ פ ט װ ע ר ן".

(שמות כא —20)

מיר זעען אַלזוי, ווי פאַרשידן אַ מאָרד ווערט אָפּגע שאַצט. — פאַרן דערהרגענען אַ נ אָ נ ט ן, — דאָס הייסט אַ מיטבירגער, אַ ייד, אַ האַר, וואָס קאָן קויפן קנעכט — דראָט טויט־שטראָף, דערפאַר אָבער ווערט דאָס דערהרגענען אַ קנעכט נאָר אין אַלגעמיין פאַרורטיילט, ווי אַן „עברה", אָדער ווי אַ שריט, וואָס פאַרדינט זיך געטאַדלט צו ווערן. אָבער דער ביבלישער געזעצגעבער האָט זיך, ווייזט אויס, געשראָקן, צי אויך דאָס איז נישט צו־שטרענג פאַר די האַרן, צי ער האָט די

נישט צופיל באַעולהט, דערמיט וואָס ער האָט פאַרבאָטן — כאָטש נאָר אין אַלגעמיין — דאָס דערהרגענען קנעכט — און באַלד אין צווייטן אָפּזאַץ זאָגט ער אַזוי:

„אויב אָבער ער (דער קנעכט) וועט בלייבן לעבן אַ טאָג אָדער צוויי טעג,
זאָל ער (דער האַר) נישט באַשטראָפט ווערן; וואָרים
ער (דער קנעכט) דאָס איז זיין געלט".
(שמות כא — 21)

אויב אַ האַר דערהרגעט אַ קנעכט און יענער שטאַרבט באַלד, „האָט דער האַר אַן עברה" (ער האָט — „נאָר אַן עברה" — מער גאָרנישט), אויב אָבער דער קנעכט וועט נאָך דעם שלאָגן נאָך איבערלעבן איין טאָג און ערשט דערנאָך שטאַרבן, האָט דער האַר אַפילו קיין „עברה" אויך נישט. — פשוט גערעדט הייסט דאָס: — אַ נאָענטן, אָדער אַ צווייטן האַר, דערהרגע נישט, אָבער א קנעכט קאָנסטו דערהרגענען.

אַזוי זאָגט די ביבל, וואָס ווערט געהאַלטן פאַרן בוך פון ליבע.

דאָס דערהרגענען איז בכלל נישט קיין זעלטענע זאַך אין דער ביבל. אין XXXII־טן קאַפּיטל פונם זעלבן ספר שמות געפינען מיר אַ באַשרייבונג פון אָפּגיסן אַ גאָלדן קאַלב, וועמען דאָס יידישע פאָלק האָט אָפּגעגעבן אַ געטלעכן כבוד. — ווען משה איז אַראָפּגעקומען פון באַרג, ווו ער זאָל האָבן „גערעדט מיט גאָט" — האָט ער פאַרניכטעט דאָס גאָלדענע קאַלב, און די מענער פון שבט לוי (די כהנים) האָט ער באַפוילן אָנגורטן זייערע שווערדן און הרגענען.

„יעדערער זיין ברודער, און זיין חבר, און יעדערער זיין קרוב)
און ס'זענען געפאַלן פון פאָלק אין יענעם טאָג
אַרום דרייאונצוואַנציק טויזנט מאַן."
(שמות לב. — 27—28)



אינוו. 88 7

דאס איז א מוראדיקע שחיטה, וועלכע איז אויף משהס באפעל געמאכט געווארן דורך זיינע אונטערגעווארפענע כהנים פון שבט לוי. מיר זעען אלזוי, אז ווען משה, אדער די מאכט, גיט־ארויס א באפעל — מעג מען הרגענען.

און פארוואס האט מען אויסגעשאכטן יעצט 23 טויזנט מענטשן? נאר דערפאר, וואס זיי האבן זיך געוואגט צוצוגעבן כבוד אן אנדערן גאט, ווי יהוה, דאס הייסט צו אנדערן, ווי משה האט געהייסן. — כאראקטעריסטיש איז דערביי, וואס משהס ברודער און פארטרעטער, אהרן, וועלכער האט אליין אפגעגאסן דאס גאלדענע קאלב און מסתמא אויך אליין איס־געפירט ביי אים די פליכטן פון א כהן־גדול, האט נאר פון משהן באקומען א מינדלעכן פארוואורף. — דערהרגענען מעג מען קנעכט, אדער דאס אזויגערופענע פאלק, אבער נישט קיין כהנים-גדולים.

ווען די בני ישראל האבן זיך אין זייערע לעגענדארע וואנדערונגען אין דער מדבר צונויפגעטראפן מיט די מדינים, האט צו די בני ישראל אזוי געזאגט גאט, אדער דערזעלבער, וועלכער זאל האבן געגעבן די מענטשן דאס פינפטע געבאט:

„איר זאלט פיינטן די מדינים, און זיי שלאגן".

(במדבר כ״ה — 17)

שפעטער, אין קאפיטל XXXI, ווערט דער־ציילט, ווי אויף גאטס באפעל האבן די יידן געשלאגן די מדינים און אויסגע־הרגעט אלע מדינישע מאנספארשוינען, אבער די פרויען האבן זיי געשוינט. גאט איז אבער נישט צופרידן געוועזן דערפון, וואס מ'האט נישט דערהרגעט די פרויען, און ער האט אזוי באפוילן:

„הרגעט יעטוועדער מאנספארשוין צווישן די קליינע קינדער, און הרגעט יעטוועדער ווייבספארשוין וואס ווייסט פון א מאן דורכן ליגן מיט א מאנס.

פארשוין און אלע קינדער צווישן די ווייבספארשוינען, וואס ווייסן נישט פון ליגן מיט א מאנספארשוין, זאלט איר לאזן לעבן פאר אייך".
(במדבר ל"א — 17)

מיט איין ווארט — דער גאט פון רחמים האט געהייסן אויסהרגענען אלע יינגלעך און אלע פרויען, וועלכע האבן שוין דערקאנט א מאן, איבערלאזנדיק פארן געברויך פון די ישראלי־שע זין בלויז קליינע מיידלעך און בתולות.

די געשיכטע פון אונטעריאכן די אזויגערופענע צוגעזאגטע ערד, אדער דאס לאנד כנען, אויף וועלכן די יידישע וואנדערער זענען אנגעפאלן און צו וועלכן זיי האבן נאר געהאט די רעכט, וואס זייער אייגענער גאט זאל זיי האבן צוגעזאגט די ערד — דאס איז די געשיכטע פון א גרויסן פאגראם, וואס איז געווען פול מיט אכזריות.

די שטאט יריחו ווערט אפילו נישט איינגענומען מיט כח פונם געווער פון די בני ישראל. גאט מיט זיין וואונדערלעכער קראפט צעלייגט די שוץ־מויערן פון דער שטאט, און די מענער פון ישראל, דאס הייליקע, אויסדערווילטע פאלק, ווען ס'איז געגעבן געווארן דאס פינפטע געבאט, ארדנט דע־מאלט איין א גרויסע שחיטה איבער די איינוווינער פון יריחו.

„און זיי האבן אויסגעהרגעט אלץ, וואס ס'איז אין איר (אין דער שטאט) געווען,
פון מאן ביז צו פרוי, פון קינד ביז צו אן אלטן מאן".
(יהושע ו' 21)

אין דעמדאזיקן פאגראם איבער די איינוווינער פון יריחו, ביי וועמען די דורך גאט געשיקטע יידישע דערארבערער האבן צוגענומען דאס פאטערלאנד, איז נאר לעבן געבליבן איין פרוי, נעמלעך די, וואס האט פאררעטן איר פאטערלאנד־שטאט און ביי זיך אין שטוב באהאלטן יידישע שפיאנען

אויף אזא אופן ווערט אין די ביבלישע לעגענדעס גופא אפגעהיטן דאָס פינפטע געבאָט. — אייגנטלעך איז עס דערגאַנגען בלויז דערצו, אַז אַ פרייען יידישן בירגער איז נישט דערלויבט געווען צו דערהרגענען אַ צווייטן פרייען בירגער; דאָס דערהרגענען קנעכט איז אָבער יאָ דערלויבט געווען, דאָס מאָרדן מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער מאַכט, האָט געקאָנט באַפוילן ווערן און לסוף דאָס אויסשעכטן די מדינים און איינוווינער פון יריחו אָדער אַנדערע מענטשן, אויף וועלכע די יידן זענען אָנגעפאַלן, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ טוגנד און פאַר אַ מצוה.

ווען מ׳זאָגט דאָס די קריסטן, ענטפערן זיי שטענדיק, אַז די נקמהדיקע תורת־משה איז איבערגעשטאַלטיקט געוואָרן אין דער קריסטלעכער לערע, וועלכע איז פול מיט ליבע און מחילה. אין די עוואַנגעליעס איז טאַקע נישט פאַראַן אַזויפיל בלוטיקע זייטלעך, ווי אין אַלטן טעסטאַמענט. — אויב מיר וועלן אָבער אַ קוק טון נישט אויף דעם, וואָס די עוואַנגעליעס האָבן געשריבן, נאָר דערויף, וואָס ס׳האָט געטון די קאַטוילישע קירך, זייענדיק די פראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון די עוואַנגעלישע לערעס — וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז דאָס דערהרגענען איז געווען איינע פון די געוויינלעכע מעשים אירע.

מיר קאָנען דאָ נישט איבערחזרן די לאַנגע געשיכטע פון דער הייליקער אינקוויזיציע, — די קאַטוילישע אינסטיטוציע צום אויסראַטן די אפיקורסים, — מיר דערמאָנען נאָר, אַז בלויז אין שפּאַניע, נישט רעכענענדיק אַנדערע לענדער, האָט מען לעבעדיקערהייט פאַרברענט 31,912 מענטשן, ווידער די אַלגעמיינע צאָל פון די אויף פאַרשידענע אופנים פאַרמשפּטע אין שפּאַניע באַטרעפט 341,021 פּערזאָן. די קירך האָט נישט איינמאָל געבענטשט די שחיטות און פּאָגראָמען; צו די באַרימטסטע קאַטוילישע שחיטות געהערט די אַזויגערופענע נאַכט פון הייליקן באַרטלאָמיי אין פּאַריז (דעם 26־טן אויגוסט 1572), ווען מיט דער

ברכה פון דער קירך האָט מען אויסגעצהרגעט זייער פיל פּראָטעסטאַנטן. — מ׳דאַרף אויך געדענקען, אַז ביז צום יאָר 1870 איז דער פּויבסט געווען אַ וועלטלעכער הערשער. ער האָט געהאַט מיליטער און הארמאַטן און האָט אַלזוי אויך דערהרגעט נאַנטע. און ווען מ׳האָט אים צוגענומען די וועלטלעכע מאַכט, ווען מ׳האָט אים נישט דערלויבט צו דערהרגענען, האָט ער זיך זייער שטאַרק געבייזערט צוליב דעם און געלייגט אין חרם אריין די, וועלכע האָבן זיך געוואגט אים צוצונעמען דאָס קעניגלעכע רעכט צו הרגענען.

בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט די קאַטוילישע קירך, ווי אַלע אַנדערע קריסטלעכע קירכן, טריי אירע טראַדיציעס, געבענטשט די מערדער פון ביידע זייטן שלאַכטפעלד. אין דייטשלאַנד און עסטרייך האָט די קירך געבענטשט די האַרמאַטן, אַז זיי זאָלן אויסהרגענען וואָס מער פראַנצויזן און איטאַליענער, און אין איטאַליע און פראַנקרייך האָט זי אויך געבענטשט די האַרמאַטן, די פאַרסמענדיקע גאַזן, עראָפּלאַנען און אַנדערע מאָרדמכשירים, אַז גאָטס ברכה זאָל זיי צוהעלפן דערהרגענען וואָס מער דייטשן און עסטרייכער.

אין וואָס וואָלט דען באַשטאַנען די קעניגלעכע מאַכט דורך דורות, ווען די קעניגן וואָלטן נישט געהאַט דאָס רעכט צו דערהרגענען?

אמער די שווערד איז דאָך דער סימן פון קעניגלעכן שטאַלץ, און די שווערד — איז דאָך אַ געציג צו דערהרגענען מענטשן. די אַדל־לייט פון אַלע לענדער האָבן דאָך שטענדיק געטראָגן געווער ביי דער זייט, געווער — דאָס הייסט לענגערע אָדער קירצערע מעסערס צו שניידן די נאָנטע. — דער בלויזער נאָמען פון דעמדאָזיקן שטאַנד אין דער פּוילישער שפּראַך („Szlachta“), שטאַמט פון דייטשן „Schlachten“ — דאָס הייסט שעכטן, מאָרד. אַ שליאַכטשיץ — איז אַלזוי אַזעלכער, וואָס שעכט

זיינע באַנטע — אַ מערדער, אַ רוצח, וואָס איז שטאַלץ מיט זיין רוצחישער מלאכה.

אויב מיר וועלן זיך צוקוקן צום היינטיקן לעבן, צו דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געירשנט די מאַכט נאָך די אַל־טערטימלעכע יידישע כהנים, נאָך די פויבסטן, נאָך די קעניגן און נאָך דעם אדל, וועלן מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז דאָס פינפטע געבאָט ווערט היינט פונקט אַזוי נישט אָפּגעהיטן, ווי ס'איז קיינמאָל נישט אָפּגעהיטן געוואָרן.

— אַ היינטיקער בורזשואַ שרייט מיט פחד — דערהרגע נישט! — נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט מורא פאַר זיין אייגע־נער הויט, אָדער פאַר דער הויט פון זיינע פאַרטיידיקער, דער־פאַר אָבער האַלט ער, אַז מ'מעג, און מ'דאַרף אפילו דערהרגע־נען, ווען זיינע אינטערעסן זענען באַדראָט. ווען אַ גרופּע קאַ־פּיטאַליסטן פון איין לאַנד צעקריגט זיך מיט אַ גרופּע קאַפּי־טאַליסטן פון א צווייט לאַנד, מיט איין וואָרט — ווען ס'ברעכט־אויס אַ מלחמה — איז נישט נאָר, וואָס מע מעג דערהרגענען, נאָר דאָס דערהרגענען ווערט באַטראַכט פאַר דעם העכסטן פאַר־דינסט. וואָס מער עמיץ ראָט־אויס מענטשן, וואָס פאַר אַ דער־פאַלגרייכערע מיטלען צום אויסמאָרדן זיי ער טראַכט אויס, אַלץ מער פאַרדינט ער זיך געלויבט צו ווערן. נישט נאָר, וואָס עס פאַרפליכטעט נישט דעמאָלט דאָס פינפטע געבאָט, נאָר ס'דראָט טויט־שטראָף דעם, וואָס וואָלט זיך געוואַגט צו זאָגן, אַז מ'דאַרף נישט דערהרגענען. — פונקט אַזוי דאַרף מען אויך דערהרגענע דעמאָלט, ווען די בורזשואַזיע הייסט איר מיליטער שיסן צו שטרייקנדיקע אַרבעטער.

## VI זאָלסט נישט מזנה זיין

דאָס זעקסטע געבאָט ווערט געוויינלעך אויסגעטייטשט, ווי אַ פאַרבאָט פון יעדער אויסגעלאַסנקייט. די יידישע ביבל פאַר־נעמט זיך זייער בפרטיות מיט די געשלעכטלעכע באַציונגען און

באַשטימט האַרבע שטראָפן פאַר די, וואָס האָבן באַפרידיקט זייע־רע געשלעכטלעכע באַדערפענישן אויף אַן אופן, וואָס איז נישט אין הסכם געוועזן מיט די דעמאָלטיקע יידישע מנהגים. און ס׳איז דאָ כדאי צוצוגעבן, אַז אין אַלגעמיין זענען די גע־שלעכטלעכע מנהגים פאַרשידן אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע ערטער; ס׳איז זייער פיל פאַראַנען אַזעלכע מנהגים, וואָס אין איין לאַנד ווערן זיי באַטראַכט פאַר מאָראַלישע און אין אַ צווייט לאַנד, אָדער אין אַן אַנדערער היסטאָרישער תקופה — פאַר דער גרעסטער עבירה. — אַזוי, למשל, זעט גאָרנישט די ביבל קיין שום זנות אין דעם פאַקט, וואָס אברהם אבינו האָט אַחוץ זיין ווייב שרה אויך געהאַט אַ קעבסווייב מיטן נאָמען הגר. פונקט אַזוי באַטראַכט אויך די ביבל פאַר אַ נאַטירלעכער זאַך דאָס, וואָס יעקב, חתונה האָבנדיק מיט לאהן, לבנס טאָכטער, האָט אין אַ וואָך אַרום גענומען זיין צווייטע טאָכטער — רחל; חי וועגן א פשוטע זאַך דערציילט אויך די ביבל וועגן דעם, וויאַזוי יעקב האָט געהאַט קינדער מיט בלההן, רחלס דינסט, און מיט זלפּהן, לאהס דינסט.

פאַר פולשטענדיק באַרעכטיקט ווערט אויך באַטראַכט אברהמס האַנדלונג, וועלכער האָט — בעת זיין פאַרברענגען אין מצרים — פאַרגעשטעלט זיין שיין ווייב, שרה, אַלס זיין שוועסטער און האָט זי אויסגעבאָרגט פּרעהן, וואָס דערפאַר האָט אים פּרעה געגעבן:

„שאָף און רינדער און אייזלען, און קנעכט, און דינסטן, און אייזעלינס און קעמלען".

(בראשית יב — 16)

וואָס אַן אמת, האָט גאָט געהאַלטן, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אומריינס אין דעמדאָזיקן ענין און ער האָט אָנגעשיקט אַ שטראָף, אָבער נישט אויף אברהמען, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט זיין

חייב, נאָר אויף פּרעהן, וועמען אברהם האָט אָפּגענאַרט, שיקנדיק אים זיין ווייב אַלס אַ שוועסטער. — אַזעלכע זענען געווען די מאָראַלישע באַגריפן פון דעם גאָט פון ישראל.

די פאָרמען פון די געשלעכטלעכע באַציונגען זענען גע־ווען זייער פאַרשידענע: ביי פיל פעלקער האָט עקזיסטירט דער מנהג צו האָבן אַ סך ווייבער, ס׳איז אויך געווען דער מנהג פון האָבן פיל מענער. דער פרויען־האַנדל איז אין אַלע צייטן געווען פאַרשפּרייט, און די ביבל באַטראַכט אים לגמרי נישט פאַר עפּעס אַן עבירה. דערפאַר קאָן דער אויסדרוק — זנות — אין פאַרשידענע צייטן און ערטער האָבן אַ גאָר פאַרשידענע באַדייטונג.

אין די היינטיקע צייטן זוכט שוין קיינער נישט — אַחוץ די פאַנאַטישע געטאָ-יידן — אין תורת־משה קיין ענטפער דער־רויף, וואָס ס׳איז דערלויבט און וואָס ס׳איז פאַרבאָטן אין גע־שלעכטלעכן לעבן. אפילו די פרומע יידן אין זייער רבנישע אויספירונגען ריכטן זיך נאָר פאָרמעל לויט די פרינציפּן פון תורת־משה, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האַלטן זיי זיך ביי די־זעלבע סעקסועלע מנהגים, וועלכע זענען בכלל אָנגענומען אין אייראָפּע.

אויב אָבער מיר ווען באַטראַכטן אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער מיינונג דאָס זעקסטע געבאָט פאַר אַ פאַרבאָט פון געשלעכטלעכע באַציונגען מחוץ די באַציונגען צווישן מאַן און ווייב, פרעגט זיך ווידער:—וועלכעס, אויב נישט די נויט, צווינגט אַ פרוי זיך צו פאַרקויפן צו דעם מאַנספּאַרשוין, וואָס באַצאָלט? און וואָס, אויב נישט דער דוחק אין מיטלען אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע, שטויסט אַזויפיל יונגע מענטשן צו באַנוצן זיך מיט גאַסן־פרויען?

מ׳וועט אונז דערויף ענטפערן, אַז פיל מענטשן גיבן זיך אָבער אָפּ דער אויסגעלאַסנקייט צוליב גאָר אַנדערע טעמים. מסכים! — אָבער ווער זענען זיי דאָס — אַמער דאָס זענען דאָך

טאָקע די רייכע — היינט די בורזשואַזיע. צי האָט עס דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק אויסגעאַרבעט דידאַזיקע אומדערהערט־ראַפּי־נירטע אופנים פון אָפּגעבן זיך דער אויסגעלאַסנקייט, מיט וועל־כער ס׳זענען איבערגעפולט די אומצייליקע בענדער ראָמאַנען, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן פאַר די רייכע לײַדיקגייערס ? צי איז נישט דער גאַנצער לעבנס־אינהאַלט פון דער היינטיקער בורזשואַזיע, טאָקע פון די, וואָס פאַרטיידיקן די „צען געבאָט", אויסגעלאַסנקייט און זאַכן, וועלכע זענען מיט איר פאַרבונדן ?

9

## VII זאָלסט נישט גנבֿען

דאָס זיבעטע געבאָט, אַזוי ווי ס׳קלינגט ווערטלעך אין דער ביבל, זאָגט צומבולטסטן עדות וועגן דעם, אין דער פאַר־טיידיקונג פון וועמענס אינטערעסן און ווער ס׳האָט אַרויסגעגעבן די געבאָטן ?

ס׳איז נישט שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע : ווער ס׳נייטיקט זיך צומשטאַרקסטן אינם שטרענגען אָפּהיטן דאָס זיבע־טע געבאָט ?

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז נישט די אָרעמעלייט, וואָס פאַר־מאָגן נישט קיין שום זאַך, וואָס זאָל וועקן דעם חשק ביי גנבֿים.

דאָס לעבן פון אַ רייכן מענטש גייט־אַוועק אין דער איי־ביקער שרעק פאַר גנבֿים. די קאַסע, דער שפייכלער, די מאַגאַ־זינען, די וווינונג, וועלכע זענען אָנגעפולט מיט קאָסטבאַרע זאַכן — דאָס זענען ערטער, אַרום וועלכע ס׳וואַכן טאָג און נאַכט די רעיונות פונם רייכן. און זיין ערגסטער שונא, דאָס שרעק־לעכסטע געשפּענסט, וואָס לאָזט אים נישט שלאָפן, איז—דער גנבֿ.

דער רייכער מענטש האָט לטובת זיין אייגענער שוץ אַרויס־געגעבן דאָסדאָזיקע געבאָט.

די, וואָס לערנען דאָסדאָזיקע געבאָט, באַהויפּטן געוויינ־

לעבן, אַז ס׳האָט פאַר אַ ציל צו שיצן אַלעמען—אַזוי די רייכע, ווי די אָרעמע — פון באַעוולונג. זיי זאָגן, אַז דער גנב נעמט־צו אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען נייטיק נישט נאָר דעם רייכן, נאָר ער באַעוולהט אויך דעם אָרעמען, ווען ער ציט־אַרויס דעם לעצטן גראָשן פון טאַש, אָדער ער גנבעט אַ הון, אָדער דאָס איינציקע בהמהלע.

בכדי צו אַנטשיידן דעמדאָזיקן ספק, לאָמיר אַ טראַכט טון, צי מ׳וואָלט דאָסדאָזיקע געבאָט נישט געקאָנט אַ ביסל אַנדערש אויסדריקן? צי מ׳וואָלט עס נישט געקאָנט אויסדריקן אַזוי, אַז ס׳זאָל באמת זיין אַ פאַרבאָט פון יעדער אַרט באַעוולהן די נאָנטע אין זייער פארמעגן — אָן אונטערשיד, צי דאָס פאַרמעגן איז גרויס אָדער קליין? און אַז דאָס געבאָט זאָל גלייכצייטיק נישט שטעלן זיך אויסשליסלעך אויף דער זייט פון די רייכע?

מ׳וואָלט דאָס אויך געקאָנט, און דאָס זייער לייכט.

איך מיין, אַז ווען עמ־צער זאָל אונז, פראָלעטאַריער, הייסן אויסדריקן דאָסדאָזיקע געבאָט, איז אנשטאָט צו זאָגן: — גנבע נישט! — וואָלטן מיר געזאָגט פיל אַלגעמיינער און גענויער: — באַעוולה נישט אין פארמעגן דיין נאָנטן! — אָדער — נעם אים נישט צו דאָס, וואָס ס׳איז אים נייטיק צום לעבן! — מיר וואָלטן אויך געזאָגט:—נוץ נישט אויס דיין נאָנטן! — נעם אים נישט צו די פרוכטן פון זיין ארבעט!

מיר זעען, אַז ס׳פעלן נישט קיין אויסדריקן; און אַז אין יעדן פון זיי געפינט זיך אויך די פאַרורטיילונג פון אַ געוויינלעכער גנבה. אמער ווען עמיצער ציט זיין נאָנטן אַרויס געלט פון טאַש, ווען ער באַקומט זיך אַריין אין זיין וווינונג, אין זיין קאַמער, אָדער מאַגאַזין — באַעוולהט ער דערמיט זיין נאָנטן, ער נעמט אים צו נייטיקע זאַכן און נוצט־אויס זיין נישט־פאַרזיכטיקייט א. א. וו.

באַזונדערס וואָלט זיך דאָ געלאָזט זייער אַלגעמיין און קורץ פאָרמולירן:

— נוץ נישט אויס! — אָדער — לעב נישט פון פרעמדער אַרבעט!׳

טאָ פאַרוואָס האָט מען געזאָגט — גנבע נישט!?׳

צוליב דער פשוטער סיבה, וואָס ווען מ׳וואָלט געזאָגט — **נוץ נישט אויס** — וואָלט די שאַרף פון דעם געבאָט זיך געווענדט אין א גאָר פאַרקערטער געזעלשאַפטלעכער זייט. — דאָס געבאָט, וואָס איז דער פּאַנצער פון די רייכע, וואָלט אַזוי־אַרום געוואָרן אַ שווערד, וואָס איז געווענדט קעגן זיי.

וואָס וואָלט געזאָגט אַן אַמאָליקער האַר, אַ שקלאַפן-אייגנטימער, ווען מ׳וואָלט אים נישט דערלייבט צו באַצולהן נאָנטע? וואס וואָלט געטון אַן אַדעליקער און אַמאליקער אייגנטימער פון ערד, וואס איז ב׳אַרבעט געוואָרן דורך „פּאַנשטשיזנע״־פויערן, ווען מ׳וואלט אים באַפוילן: — נעם נישט צו דעם פויער דאס, וואס ס׳איז אים נייטיק צום לעבן? — אמער דאס צונעמען ביי די פויערים זייער האב און גוטס, דאס כסדרדיקע באגזלענען די פויערים, דאס איז דאך כאקע געווען די הויפט־באַשעפטיקונג פון די פריצים. — און וואס וואָלט געזאגט א פאַרצייטישער אדער א היינטיקער וואכערער, ווען מ׳וואלט אים נישט דערלויבט צוצונעמען די קישנס, די קו, דאס פערד און די שטוב־זאכן פונם בעל־חוב, וועלכן ער האט אומגליקלעך געמאכט, אויסנוצנדיק זיין ארעמקייט? — אמער מיט וואכער האבן זיך דאך פאַרנומען די אמאליקע שטאלצע רוימישע פאטריציער, מיט ליכווע האבן זיך פאַרנומען די פעאדאלע הארן — דער אדעל, די פירשטן, קעניגן — מיט וואכער האט זיך אויך פארנומען דער פויבסט און די גייסטלעכע פון אלע אמונות, מיט וואכער האבן זיך אויך פארנומען די בכבודיקסטע סוחרים און באנקירן פון אלע צייטן און ערטער. וואס וואלט געזאגט א מאדערנער פאבריקאַנט, אדער גוטבאַזיצער, ווען מ׳וואלט אים פאַרבאטן אויסצונוצן נאנטע? אמער ווען מ׳וואלט אים געצווונגען אויסצוצאלן דעם ארבעטער, אדער דעם אנפּרייבער דעם גאַנצן ווערט פון זיין ארבעט, וואלט

צר דאך פארווארפן די פאבריק, אדער דאס גוט, ווייל אן דער עקספלואטאציע פון די ארבעטער וואלט די פאבריק אדער דאס גוט לגמרי נישט געבראַנגט קיין שום הכנסה.

מיר זעען אלזוי, אז דאס זיבעטע געבאט האט מען אנדערש נישט געקאנט אויסדריקן, אן דעם ארויסרופן א שטארקן צארן טאקע ביי די, וואס זארגן אזוי שטאַרק וועגן די געבאטן. ווען אנשטאט די ווערטער: גנבע נישט! — וואלט מען אוועקגעשטעלט די ווערטער: — לעב נישט פון פרעמדער ארבעט! — וואלט דאסדאזיקע געבאט געווארן דער מעכטיקסטער רעוואלוציאנערער אויפרוף. — דאס אריינפירן אין לעבן דעם פרינציפ, — ווער ס'ארבעט נישט, זאל נישט עסן — איז די גרעסטע און איינציקע פאקטישע רעוואלוציע. — קיין שום זאך רופט נישט ארויס אזא שרעקלעכע אויפרעגונג, אזא ווילדן צארן, ווי טאקע דער ווילן אריינצופירן דעמדאזיקן פרינציפ אין לעבן.

די רייכע, וואס האבן פארפאסט די געבאטן, האבן געמוזט זאגן — גנבע נישט! — אנשטאט: — עקספלואטיר נישט!, ווייל דעמאלט וואלטן זיי פארורטיילט זיך אליין, און וואלטן זיך אליין פארמשפט. —

די וויכטיקסטע און איינציקע זארג פון די רייכע אין אלע צייטן און ערטער איז געווען דאס פארזיכערן זייערע אוצרות. מ'האט זיי נישט נאר געדארפט ארומרינגלען מיט מויערן און קראטן, נישט נאר אוועקשטעלן אויף דער וואך קריגסלייט מיט העק, שווערדן, באגנעטן אדער מאשין־געווערן, נאר אויך איבערצוצייגן אלע הונגעריקע, אפגעריסענע, אלע היימלאזע און בארויבטע, אז די אוצרות זענען ארומגערינגלט מיט א הייליקן ארעאל; מ'האט באדארפט איינרעדן די הונגעריקע, אז גאט אליין דערלויבט נישט אויסצושטרעקן די האנט נאך דעם ברויט, וואס איז דאס אייגנטום פון די רייכע. — דעריבער אויך, ווען א וואכערער נעמט־צו ביים בעל־חוב דאס לעצטע ביסל בעבעך

בעס. ווען דער הויזווירט וואַרפט אים אַרויס די גראַטעס אויפן ברוק, ווען דער סוחר באַרייסט מענטשן, צווינגענדיק זיי צו צאָלן איבערגעטריבענע פּרייזן פאַר עסן און די נייטיקסטע זאַכן, ווען דער פאַבריקאַנט, אָדער פּריץ שניידט־אָרום די אַרבעטער־שכירות און בויט זיך א פּאַלאַץ דערפון, וואָס ער האָט פּשוט אַרויסגעריסן פון די מיילעכלעך פון די ארבעטער-קינדער — דאָס אַלץ איז נישט קיין גנבה, ווייל די אַלע פאַרברעכנס זענען באַגאַנגען געוואָרן לויט די צען געבאָט און לויט די פאַרשידענע אַנדערע געזעצן, וואָס די רייכע האָבן מיט דורות צוריק אין זייער אייגענעם אינטערעס געשאַפן. — אָבער ווען אַ הונגעריקער מענטש נעמט אַ פּרי פון אַ פרעמדן גאָרטן — ווייל ער האָט אַליין נישט קיין גאָרטן און קיין פרוכטן — ווען נישט קאָנענדיק דערנערן זיין ווייב און קינד, ציט ער אויס די האַנט נאָך אַ קליינעם טייל פון דידאָזיקע ריזיקע אוצרות, וואָס די אַרבעט פון די אָרעמע האָט געשאַפן, און וואָס זענען דאָס אייגנטום פון די רייכע — ווען זיך באַלד אַ וואָרף־טון די צאַלרייכע שומרים פון די האַרנס אייגנטום און אויף אים אַ דונער־טון מיט אַלע דראָונגען — און ער וועט ווערן פאַרמשפּט, ווי אַ פאַרברעכער, וואָס האָט עובר געווען אויפן זיבעטן געבאָט.

ס'איז נישט אמת, אַז דאָס זיבעטע געבאָט האָט געזאָלט זיין אַ פּרינציפּ פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט. — ווען דעם געזעצגעבער וואָלט באמת געגאַנגען וועגן דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָלט ער נישט געזאָגט: **גנבע נישט!**, נאָר: — **נויץ נישט אויס!** — דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט, נאָר וועגן שיצן די רייכע פאַר די אויסגעהונגערטע און דורך זיי גופא באַגנבעטע אָרעמעלייט. — דאָס זיבעטע געבאָט פאַרזיכערט פּשוט די רייכע, די הויט־שינדער און עקספּלואַטאַטאָרן שטראָפלאָז צו קענען געניסן פון די אַנגעזאַמלטע אוצרות, פאַרהייליקט זייער פאַרמעגן־צושטאַנד און מאַכט זיי אומבאַרירלעך.

## 10

## ווי זאָלסט נישט זאָגן אויף דיין חבר פאַלש עדות

דאָסדאָזיקע געבאָט, וועלכעס מ׳קאָן אויסטייטשן ווי אַ פאַרבאָט פון זאָגן ליגן בכלל, ווי אַ פאַרבאָט פון באַנוצן זיך מיט שווינדלערייען און אָפּנאַרעריי, וואָלט געקאָנט באַטראַכט ווערן צוזאַמען מיטן פינפטן געבאָט. — פונקט אַזוי ווי דאָס פינפטע געבאָט דריקט עס אויס אַ געוויסן ווונטש, וואָס גייט אָבער נישט אַריין אין לעבן קודם־כל דערפאַר, וואָס די וועלט-רעגי־רער, די רייכע, וואָלטן נישט געקאָנט רעגירן, ווען זיי אַליין וואָלטן דאָסדאָזיקע געבאָט באַטראַכט פאַר אומבאַדינגט פאַר־פליכטנדיק.

וואָס וואָלט געוואָרן פון דער מלוכה־פּאָליטיק, ווען מ׳וואָלט די דיפּלאָמאַטן און מיניסטאָרן באַפוילן צו זאָגן אמת און נאָר דעם אמת? וואָס וואָלט געטון אַ בכבודיקער סוחר, ווען מ׳וואָלט אים געהייסן זיך מודה זיין, וויפל ער האָט באמת באַצאָלט פאַר דער סחורה? וויאַזוי וואָלט עקזיסטירט אַ פאַבריקאַנט, אָדער אַ פּריץ, ווען ער וואָלט געמוזט אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת וועגן זיינע הכנסות און ווען ס׳וואָלט אים נישט געווען דערלויבט שקרנות דיק צו באַווייזן, אַז ער איז נישט בכח די אַרבעטער צו געבן אַן הוספה? און וואָס וואָלט געטון די פּאָליטישע פּאָליציי אַ פּראָוואָקאַטאָרן און אָן פּראָפּעסיאָנעלע פאַלשע עדות, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן ספּעציעל דערצו, אַז זיי זאָלן זאָגן ליגן פאַרן געריכט? ווי נעבעכדיק וואָלט אויסגעזען די שטאָלצע נאַציאָנאַלן געשיכטע, ווען די היסטאָריקער, וואָס שרייבן האַנטביכער פאַר די שולן, וואָלטן נישט פאַרגעשטעלט די געשיכטע פון פאָטער־לאַנד אין הסכם מיט די אינטערעסן און מיט דער פּאָליטיק פון די רייכע? וואָס וואָלטן לסוף געטון די גלחים און גייסטלעכע פון אַלע אמונות, ווען מ׳וואָלט זיי פאָרווערט צו זאָגן ליגן וועגן

גן־עדן און גיהנום, וועגן מלאכים און טייוולאנים א. א. וו.?

דער גריכישער חכם, סאָקראַטעס, איז דערפאר, וואָס ער האָט געזאָגט אמת און נאָר דעם אמת, פארמשפט געוואָרן צום טויט דורך זיינע מיטבירגער — דורך די בכבודיקע סוחרים, ריי־טער, כהנים און געלערטע פון אַטען.

דער לעגענדארער קריסטוס איז געקרייציקט געוואָרן דער־פאַר, ווייל ער האָט דעם ירושלימער פאָלק געזאגט דעם אמת וועגן דער הויט־שינדעריי און שווינדלערייען פון די כהנים און באַנקירן, וואס האבן רעגירט אין ירושלים.

דעם רעליגיעזן רעפאָרמאַטאָר, דעם גלח יאן הוס, א טשעך, האָבן דער פויבסט און דער קייסער געהייסן פאַרברענען דערפאַר, וואָס ער האָט געפאָדערט אמת אין לעבן פון דער קירך. דער גרויסער איטאַליענישער געלערטער, דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, איז פאַרברענט געוואָרן דערפאַר. וואָס ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען די פארשידענע שקרים, אין וועלכע די פויבסטן האָבן געהייסן גלייבן.

ערשט נישט לאַנג, אין יאָר 1908, איז אויפן באַפעל פון די גלחים אין שפאַניע דערשאָסן געוואָרן פראַנציסקאָ פערערער, דערפאַר, וואָס ער האָט געגרינדעט אַ שול, פון וועלכער ס׳זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן די רעליגיעזע און פאַטריאָטישע שקרים.

די צאָל פון די מאַרטירער פאַרן אמת, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג, איז זייער גרויס. כ׳וועל נאָר דערמאָנען וועגן לודוויק וואַרינסקין, וועגן באַרדאָווסקין, קוניצקין, אָסאָווסקין, פּיעטרושינסקין און וועגן מאַרטשין קאַספּזשאַק, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין די תפיסות אָדער אויף די תליות נאָר דערפאַר, ווייל זיי האבן זיך געוואגט צו זאָגן דעם אמת וועגן די יסודות פון דער בורזשואַזער אָרדענונג.

אין היינטיקן פוילן איז לגמרי נישט בעסער. ווער ס׳וואַגט זיך נאר צו זאגן דעם אמת וועגן דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

ווער ס'וואגט זיך נאָר די היטשינדער אָנצורופן ביים אמתן נאָמען און אויפצופאָדערן צו פּאַרטיידיקן זיך פאַר זיי, דער ווערט באַלד באַטראַכט פאַר אַ פאַררעטער פונם פאָטערלאַנד און איינגעזעצט אין תפיסה, דעם פאַרווערט מען צו שרייבן און רעדן — ווייל ס'איז נישט פאַראַן קיין מער געפערלעכס פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, ווי דער אמת.

דערפאַר זענען אָבער די גרויסע ליגנער און שווינדלער אין אַלע ציטן פאַרערט געוואָרן ביים לעבן און נאָכן טויט, און זענען פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ מוסטער פאַר די נאַנטע. אַזאַ גרויסער ליגנער, מערדער און וואכערער איז געווען למשל דער געלויבטער דורך אַלע היסטאָריקער, דער רוימער — יוליוס צעזאַר; נישט קיין קלענערער ליגנער, הצסלעכער אינטריגאַנט און אַ מענטש, וואָס האָט באַשווינדלט זיינע בעסטע פריינט, ווען זיי זענען אים געוואָרן איבבאָקוועם, איז געווען דער קייסער נאַפּאָלעאָן, מיט וועמענס נאָמען די פּוילישע וואָכערער האָבן, כדי געפעלן צו ווערן זייערע פראַנצויזישע קאָלעגן און אפּוטרופּסים, אָנגערופן איינעם פון די פּלעצער אין צענטער פון וואַרשע.

ווען מיר וואָלטן זיך צוגעקוקט צום לעבן פון אונזערע אָנגעזעענסטע דעפּוטאָטן, סענאַטאָרן, מיניסטאָרן, ביסקופּן, באַנקירן, פריצים און בכלל פּאַרשידענע באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, פּאַטערס פון פאָלק, גאָט־געזאַלבטע און אַזוי ווייטער, וואָלטן מיר זיך איבערצייגט, אַז כמעט אָן אויסנאַם, זענען זיי אַלע ליגנער. אָבער שרייבן דאָס אָפן וועגן זיי דירעקט קאָן מען נישט, ווייל דאָס וואָלט אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ פאַרברעכן, און די אויבנדערמאָנטע ווערטער וואָלטן נישט געקאָנט אָפּגעדרוקט ווערן.

ווען עמיץ וואָלט געוואָלט שרייבן די געשיכטע פון ליגנס אין דער מענטשהייט, וואָלט ער געמוזט אָנשרייבן די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע. דער ליגן — פּונקט אַזוי ווי דער מאָרד — איז די געוויינלעכסטע זאַך. אַלע כהנים, קעניגן, פּרינצן,

באַנקירן, סוחרים, עשירים, פירער, אַלע גרויסע פּאָליטיקער האָבן ליגן געזאָגט פון אָנהייב ביזן סוף פון זייער לעבן — און אַלע האָבן מיט אַ ווילדער פּאַרביסנקייט פאַרפאָלגט און פאַרפּאָלגט נאָך היינט די אמת־זאָגנדיקע.

ווער ס'האָט זיך געוואָגט צו זאָגן אמת, דעם האָט מען פאַרסמט, געקרייציקט, פאַרברענט לעבעדיקערהייט, צעבראָכן אויף אַ ראָד, דערשאָסן, געהאָנגען, פאַרמאַכט אין תּפיסה — און מ'האָט אים אַזוי פאַרגעשטעלט, אַז ער זאָל אויסזען ווי אַ ליגנער און שווינדלער, בכדי די אמתע ליגנערס און שווינדלערס זאָלן ווייטער קאָנען מאַכן דעם אָנשטעל פון דערלייזערס און אפּוטרופּסים פון דער מענטשהייט.

כּל זמן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג ועט זיך — ווי ביז איצט — שטיצן אויף עקספּלואַטאַציע און מענטשנפרעסעריי, כּל־זמן צום דערהאַלטן דידאָזיקע אָרדענונג וועלן נייטיק זיין געריכטן, תּפיסות און תּלינים, אַזוי לאַנג וועט דער שקר זיין אַ געצייג, וואָס איז נייטיק פאַר יעדן, וואָס פירט־אָן מיט דער מאַכט. אין פאַרשידענע רעליגיעס האָט מען געלערנט, אַז בכדי אויפצוהאַלטן די אָרדענונג אויף דער וועלט, איז נייטיק אָפּצוּריכטן אָפּטע ת ילות, הייליקע סודות, אָן וועלכע די וועלט וואָלט קיין איין טאָג נישט געקאָנט עקזיסטירן. ס'איז פאַראַן אַ צערעמאָניע, אָן וועלכער די וועלט פון פאַרברעכן און עקספּלואַטאַציע, וואָלט זיך באמת קיין איין טאָג נישט געקאָנט באַגיין — דאָס איז די צערעמאָניע פון ליגן, וואָס ווערט אָפּגעריכט דורך די אַלע, וואָס פירן־אָן מיט דער מאַכט. ווען אַלע וואָלטן אַ דאַנק עפּעס אַ וווּנדערלעך מיטל פּלוצלינג אָנגעהויבן צו זאָגן דעם אמת, — וואָלט אַלץ — די רעגירונג, די געזעצן, דער סענאַט, דער סיים — די בכּבודיקסטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אַלץ וואָלט מיטאַמאָל זיך צעפאַלן אין אַ באַרג אַש.

אינ׳ 788.

Ex bibl. univ. Tart.

## 11

# IX זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס ווייב

# X אָדער זיין הויז, אדער זיין קנעכט, אדער זיין דינסט, אדער זיין אקס, אדער זיין אייזל, אדער וואס נאר עס איז דיין חברס

אין דער ביבל שטעלן די דאָזיקע ביידע געבאָטן מיט זיך פאָר איין גאַנצקייט און קלינגען אַזוי:

„זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס הויז; זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס ווייב, אָדער זיין קנעכט, אָדער זיין דינסט, אָדער זיין אָקס, אָדער זיין אייזל, אָדער וואָס עס איז דיין חברס. (שמות כ. — 17)

דערפון זעען מיר בפירוש, אַז דאָס ניינטע געבאָט איז לגמרי נישט באַהאַפטן מיטן זעקסטן; ס'האַנדלט זיך נישט דאָ וועגן אויסגעלאַסנקייט, נישט וועגן דעם, וואָס ס'רופט זיך זנות, נאָר וועגן אָנרירן די רעכט פון פרעמד אייגנטום. — דאָס ניינטע און דאָס צענטע געבאָט האָבן פאַר אַ ציל אונטערצושטרייכן דאָס זיבעטע געבאָט. נישט נאָר מ'טאָר גאָרנישט צונעמען פון דעם, וואָס לויט די פאַרפליכטנדיקע געזעצן רופט עס עמיץ אַנדערש אָן זיין אייגנס. נאָר אַפילו דאָס בלויזע גלוסטן צו די-דאָזיקע זאַכן איז אַ שווערע זינד.

די גרופּע עשירים, וועלכע האָט פאַרפאַסט די געבאָטן, האָט קודם־כל געוואָלט שטאַרק פאַרפעסטיקן אירע רעכט; ס'איז זיי געגאַנגען דערין, אַז נישט נאָר ס'זאָל זיך קיינער נישט וואַגן אויסצושטרעקן די האַנט נאָך זייערע אוצרות, נאָר ער זאָל זיך אַפילו נישט וואַגן וועגן דעם אַ טראַכט צו טון. — אויב ס'וועט עמיץ אַ טראַכט טון: — ס'וואָלט זייער גוט געווען פאַר מיין ווייב און קינדער צו וווינען אינם פּאַלאַץ פון דעמדאָזיקן עושר־אָדער: — דערדאָזיקער פּאַלאַץ וואָלט זייער פּאַסיק געווען פאַר

אַן אַרבעטער־הויז — דער איז עובר אויפן צענטן געבאָט.

ס׳איז נישט קיין ווונדער, וואָס די רייכע זענען אַזוי פּאַרזיכטיק, ווייל ווער ס׳קוקט מיט חשק אויף אַ פּאַלאַץ פון אַ רייכן, דער קאָן אויך מיט דער צייט דערגיין דערצו, אַז ער זאָל אַרויסרופן אַן אומרויקייט ביים אייגנטימער פונם דאָזיקן פּאַלאַץ.

די גאַנצע חכמה פון די רייכע אין אַלע צייטן און ערד־טער, די פאַרשידענע מינים הייליקע ספרים און געבאָטן האָבן הויפּטזאַכלעך געצילט דערצו, אַז זיי זאָלן אויסלערנען די אָרע־מע שלום צו מאַכן מיט זייער גורל. — באַגנוגן זיך דערמיט — וואָס גאָט האָט דיר נישט צוגענומען (ס׳זאָגט זיך: וואָס גאָט האָט דיר באַשערט). — אָט דאָס איז דער קערן פון אַלע גע־באָטן און מאָראַלישע לערעס. ווער ס׳וויל ענדערן די געזעל־שאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז דורך דורות געוואָרן פאַרפעס־טיקט דורך די רייכע, דער איז אַ זינדער און אַ פאַרברעכער.

ווען די קריסטן האָבן צוגעפּאַסט די געבאָטן צו זייערע באַדערפענישן, האָבן זיי אָפּגעטיילט דאָס ווייב פון אַלע איבע־ריקע פאַרמעגנסקעגנשטאַנדן. אַ דאַנק דעם איז דאָס ניינטע גע־באָט גענוג אויסטערליש אָפּגעטיילט פונם צענטן. — מיר האָבן געזען, אַז אין דער ביבל שטעלן זיי מיט זיך פאָר איין גאַנצ־קייט און דאָס ווייב ווערט באַהאַנדלט גלייך מיטן הויז, מיטן אָקס, מיטן אייזל אאַז״וו. — אין מערב־אייראָפּע — האָבן גע־הערשט אַנדערע מנהגים און אַנדערע אָנשויאונגען לגבי דער פרוי, ווי ביי די יידן אינם אַלטערטום אין אַזיע; די קריסטן האָט שאָקירט דאָס באַטראַכטן דאָס ווייב פאַר אַן אייגנטום און אָפּטיילנדיק דאָס ווייב פון הויז, פונם אָקס און פונם אייזל, האָט דאָס ניינטע געבאָט באַקומען אַזאַ אויסזען, גלייך ווי ס׳וואָלט דאָ זיך געהאַנדלט וועגן פאַרורטיילן די אומטרייקייט אין דער פאַמיליע.

אויב ס׳דאַכט זיך עמיצן אויס, אַז אין ניינטן געבאָט האַנדלט זיך וועגן דער טריישאַפט פון מאַן און ווייב, זאָל ער

ענטפערן אויף דער פראַגע — פאַרוואָס האָט דער ביבלישער געזעצגעבער זיך נישט געווענדט אויך צום ווייב און געזאָגט: — וועסט נישט פאַרלאַנגען קיין פרעמדן מאַן!? — צי זינדיקן קיינ-מאָל נישט די פרויען מיטן פאַרלאַנגען צו פרעמדן מאַן?

אָבער דער ביבלישער געזעצגעבער האָט זיך נישט גע-קאָנט ווענדן צו דער פרוי, פונקט אַזוי, ווי ער האָט זיך נישט געווענדט צום הויז, צום אָקס, צום אייזל, צום קנעכט און צו דער דינסט. דאָס ווייב, דאָס הויז, דער אָקס, דער קנעכט און די שקלאַפין — דאָס אַלץ איז געווען עשירות, דאָס זענען געווען די גיטער, וואָס דער האַר האָט פאַרמאָגט. דאָס אַלץ האָט מען געקאָנט דעראַבערן אין דער מלחמה, מ'האָט עס געקאָנט קויפן — און דאָס אַלץ האָט געקאָנט ווערן צוגעגנבעט דורך אַ גנב, וואָס האָט צו די זאַכן געגלוסט.

אַ חוץ דעם ווייב, איז אין דאָזיקן געבאָט פאַראַן נאָך עפעס, אויף וועלכן ס'איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן — דאָס איז יענער קנעכט און יענע דינסט, וועלכע מ'טאָר אויך נישט גלוסטן.

איך מיין, אַז איצט קאָן שוין קיינער מער נישט צווייפ-לען, — צו וואָס און ווער ס'האָט געגעבן די געבאָטן? — אמער ווען מ'וואָלט זיי אַרויסגעגעבן פאַר אַלע מענטשן, אָן אויסנאַם, דאָס הייסט, ווען זיי וואָלטן אַרויסגעגעבן געוואָרן צוגלייך פאַר די קנעכט, ווי פאַר די האַרן, וואָלטן אין זיי געמוזט גענומען ווערן אין באַטראַכט אַלע מענטשלעכע באַציונגען (וואָס איז אוממעגלעך געווען צו מאַכן). אָדער גאָר מ'וואָלט באַדאַרפט רעדן נאָר וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען צוממיינסטן אַלמענטשלעכע, וואָס אינטערעסירן גלייכצייטיק יעדן איינעם. אַזעלכע אַלגעמיין־מענטש-לעכע געבאָטן וואָלטן געקאָנט זיין, למשל, די געבאָטן — זאָלסט נישט הרגענען — און — זאָג נישט קיין ליגן! — ווען די גע-זעצגעבער גופא וואָלטן די געזעצן נישט געבראָכן.

אויב עמיץ זאָגט — גלוסט נישט די דינסט פון דיין חבר — הייסט עס דאָך בפירוש, אַז ער רעדט אויסשליסלעך צו

די שקלאַפן־באַזיצערס און נישט צו די שקלאַפן גופא; — צו די קנעכט און דינסטן האָט מען נישט גערעדט — פונקט אַזוי, ווי מ׳האָט נישט גערעדט צו די אָקסן און אייזלען. דעם ביב־לישן געזעצגעבער איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז מ׳קאָן רעדן צו די דינסטן און קנעכט.

נאָר אָט זענען געקומען צייטן, ווען די אָרעמע מאַסן פאָדערן אַ חשבון פון די ר יכע, און די קנעכט און דינסטן זאָגן זיך אָפּ צו זיין געהאָרכזאַם און אָנערקענען נישט קיין האַרן איבער זיך.

## 12

# דער ווערט פון די געבאָטן

מיר האָבן גענוי באַטראַכט אַלע געבאָטן און מיר קאָנען איצט ענטפערן אויף דער פראַגע — וואָס פאַרא ווערט האָבן זיי היינט?

דאָס ערשטע געבאָט — וואָס באַפעלט צו גלייבן אין איין גאָט און פאַרווערט צו מאַכן זיך געמאָלטע אָדער געשניצטע געטלעכע בילדער, האָט בכלל נישט פאַר אונז קיין שום באַזונדערן ווערט.

יענער יידישער גאָט, וואָס האָט פון צווישן די דונערן געפאָדערט פאַרערונג פאַר זיך, איז אונז היינט אינגאַנצן פרעמד— און אינטערעסירט אונז לגמרי נישט. די קאַטוילישע קירך פאַר־ערט באמת נישט איין גאָט, נאָר אַ סך גרעסערע און קלענערע געטער. אויב מיר זאָלן אַפילו מסכים זיין, אַז די הייליקע דריי־איינקייט, גאָטס מוטער און די אומצייליקע גאָטס הייליקע און די מלאכים, שטערן נישט דעם גלויבן אין איין גאָט, איז דער אוראייניקער קריסטלעכער גאָט, וואָס שטאַמט פון יידישן יהוה, דער גאָט, וואָס האָט געשיצט אַמאָל דעם אדל און איצט די בורזשואַזיע און ער איז דעריבער פאַר אונז פראָלעטאַריער אינגאַנצן פרעמד. — אויף דעם שטרענגן פאַרבאָט צו שניצן און מאָלן קאָנען מיר נאָר אַ שמייכל טון מיט פאַראַכטונג, די דראָ־

ונג פון נקמה „ביז צום פערטן דור" שרעקט אונז שוין נישט איבער, און דער צוזאָג, וואָס איז געגעבן געוואָרן אַברהמען, וועגן פאַרמערן זיין דור ווי דאָס זאַמד ביים ברעג פון ים, האָט נישט קיין שום רייץ פאַר אונז.

דאָס צווייטע געבאָט — וואָלטן מיר נאָר דע־מאָלט געקאָנט שעצן, ווען דאָס וואָלט געווען אַ פאַרבאָט צו שווערן בכלל — אַנדערש זאָגנדיק — ווען דאָס וואָלט געווען אַ באַשטימונג, אַז דער מענטש דאַרף זאָגן דעם אמת און נאָר דעם אמת, נישט אונטערשטיצנדיק אים קיינמאָל מיטן פאַר־רופן זיך אויף גאָטס נעמען. מיר ווייסן אָבער, אַז ס׳איז נישט אַזוי, און אַז דאָסדאָזיקע געבאָט דינט — פונקט פאַרקערט — צום פאַרשטאַרקן די שבועות, נישט אויסשליסנדיק די צוואַנג־שבועות, אָדער בעסער געזאָגט, עס דינט צום מאָראַלישן פאַר־שמידן אין קייטן די עקספּלואַטירטע מענטשן, בכדי מ׳זאָל זיי נאָך זיכערער קאָנען עקספּלואַטירן.

דאָס דריטע געבאָט — איז זיכער אַנטשטאַנען ווי אַ שטרעבונג צו שיצן די אַרבעט־מענטשן פאַר דער צו־שטאַר־קער עקספּלואַטאַציע מצד די רייכע. ווייל אָבער דאָסדאָזיקע געבאָט האָבן פאַרפאַסט מענטשן, וועלכע האָבן אַלץ באַגרינדעט אויף אַ רעליגיעזן אופן, איז אַנשטאָט צו רעדן פּשוט וועגן אַן אָפּרו־טאָג, האָבן זיי גערעדט וועגן אַ הייליקן טאָג. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי דערגרייכט צוויי זאַכן: פון איין זייט, האָבן זיי די קנעכט און געדונגענע מענטשן געגעבן אַן אָפּרו־טאָג, אַן וועלכן די בהמות אַפילו קאָנען נישט אַרבעטן, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי אַזוי געפּעגטעט דעם געדאַנק פונם געדונ־גענעם מענטש, אַז ער זאָל נישט טראַכטן, אַז ס׳קומט אים אַ רו־טאָג, אַז ער זאָל גאָרנישט פאַדערן, נאָר אַז אין זיין רו־טאָג זאָל ער לויבן דעם העכסטן האַר פון אַלע האַרן, דעם, וואָס באַשיצט כלומרשט אַלע האַרן און באַשענקט זיי מיט מאַכט.

דאָס פערטע געבאָט — שטאַמט פון יענע פאַר־

גאַנגענע צייטן, ווען די מאַכט פון פאַטער איז געווען די העכסטע סאָציאַלע מאַכט און זי האָט זיך פאַרשפּרייט נישט נאָר אויף מינדעריאָריקע קינדער, נאָר אויך אויף די דערוואַקסענע פאַמיליען־מיטגלידער, וועלכע האָבן אומבאַדינגט געמוזט פאָלגן די עלטערן. היינט איז אַ חוץ דער נאַטירלעכער פאָדערונג, אַז די קינדער זאָלן שעצן די עלטערן, האָט עס בכלל נישט קיין שום וויכטיקערע באַדייטונג.

ד אָ ס פ י נ פ ט ע ג ע ב אָ ט — דאָס איז אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיק געבאָט. אייגנטלעך דאָס וויכטיקסטע געבאָט. דאָסדאָזיקע געבאָט איז אָבער קיינמאָל נישט אָנגעווענדט געוואָרן אין לעבן טאַקע דערפאַר, וואָס די רייכע, וועלכע רעגירן מיט דער וועלט און עקספּלואַטירן אַלע איבעריקע מענטשן, וואָלטן זיך אַפילו איין טאָג נישט געקאָנט דערהאַלטן ביי דער מאַכט, ווען ס׳וואָלט זיי באמת נישט דערלויבט געווען צו הרגענען.

ד אָ ס ז ע ק ס ט ע ג ע ב אָ ט — אָדער ס׳האָט קיין שום באַדייטונג נישט, ווייל די סעקסועלע מנהגים זענען פאַרשידן אין פאַרשידענע לענדער און היסטאָרישע תּקופות, אָדער גאָר עס דאַרף דורך דער בורזשואַזיע אָנגעווענדט ווערן צו זיך גופא, ווייל דאָס איז אַן עבירה, וואָס ווערט דורך איר אַליין צומיינסטן באַגאַנגען.

ד אָ ס ז י ב ע ט ע ג ע ב אָ ט — איז נאָר כּלומרשט אַ געבאָט, וואָס פאַרווערט בכלל צו באַעולהן די נאָנטע אין פאַרמעגן; אין דער ווירקלעכקייט אָבער, איז דאָס אַ געבאָט, וועמענס ציל ס׳איז צו שיצן די רייכע פאַר די הונגעריקע און דורך זיי אַליין באַריסענע אָרעמע מענטשן.

ד אָ ס אַ כ ט ע ג ע ב אָ ט — אָדער דער פאַרבאָט צו זאָגן ליגן, ווערט פונקט אַזוי ווי דער פאַרבאָט צו הרגענען נישט אָפּגעהיטן קודם־כּל דורך די רעגירנדיקע רייכע, וועלכע קאָנען זיך נאָר דערהאַלטן ביי דער מאַכט אַ דאַנק דעם שקר. ע״שט דעמאלט, ווען איין מענטש וועט נישט לעבן אויפן חשבון

פון א צווייטן מענטש, ווען דער לייטנדיקער פרינצ־פ פון געזעלשאפט־לעכן לעבן וועט זיין דאס ברודערלעכע פארמאגן שותפות און די ברודערלעכע צוזאמענארבעט, וועט דאס אכטע געבאט באמת קאנען ווערן אפגעהיטן.

דאס נײנטע געבאט — איז לגמרי נישט קיין פארפעסטיקונג און איבערחזרונג פונם זעקסטן געבאט (וועגן זנות), ווי א סך מיינען. דאסדאזיקע געבאט האט פאר א ציל צו פאר־זיכערן דאס ווייב, ווי אן אייגנטום.

דאס צענטע געבאט — איז אייגנטלעך א המשך פונם נײנטן און איז די פארפעסטיקונג פונם זיבעטן געבאט; צוגלייך מיטן זיבעטן געבאט דינט עס צו פארזיכערן דאס פאר־מעגן פונם עושר נישט נאר פון די הענט פון הונגעריקן מענטש, נאר אפילו אויך פאר זיין געדאנק, וואס וואלט געקאנט געפערלעך זיין פארן רייכן.

## 13

## צו וואס און ווער האט פארפאסט די געבאטן?

די ביבלישע לעגענדע דערציילט, אז די געבאטן האט גאט אליין אנגעשריבן. מיר ווייסן אבער גוט, אז אלס גאטס רייד איז אין אלע לענדער און אין אלע צייטן אנגעגעבן גע־ווארן דאס, וואס די הערשנדיקע קלאסן האבן באטראכט פאר באקוועם פאר זיך. — גאט האט שטענדיק געזאגט דאס, וואס ס'איז געפעלן געווארן די רייכע און מאכט־האבער. פון די צען געבאט פארזיכערן גאנצע דריי (7, 9 און 10) דאס אייגנטום פון די רייכע; צוויי (5 און 8) פארווערן שווינדלעריש דאס, אן וועלכן ס'וואלט אפילו קיין איין טאג נישט געקאנט עקזיסטירן די מענטשנפרעסערישע, דורות־אלטע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג; צוויי (1 און 2), רעדן וועגן פארערן דעם העכסטן האר פון אלע הארן; צוויי (4 און 6) רעדן וועגן נישט זייער וויכטיקע זאכן —

לוסף נאָר איינאַוּנאַיינציק געבאָט (דאָס 3־טע), און דאָס אויך אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל לגמרי נישט אָנרירן די אינטערעסן און אָנשוויונגען פון די האָרן, רעדט וועגן אָן אָפּרוּ פאַרן אַר־בעטנדיקן מענטש.

שוין דאָס בלויזע צוזאַמענשטעלן ענטפערט אונז אויף דער פראַגע. — ס'איז קלאָר, אַז די געבאָטן נעבען פאַרפאַסט געוואָרן דורך די רייכע יידישע כהנים אָדער אין אַלגעמיין געזאָגט, דורך די האָרן, מיטן ציל צו פאַרזיכערן זייערע אינטערעסן פאַר די פּרעטענזיעס פון די אָרעמע.

די האָרן האָבן זיך אָבער קיינמאָל דערצו נישט מודה געווען, אַז זיי האָבן אַליין פאַרפאַסט די געזעצן און זיי האָבן אַלץ אַרויפגעלייגט אויף גאָט.

וואָרן ס'איז זיי געגאַנגען דערין, אַז די אונטערטעניקע זאָלן נישט מורא האָבן פאַרן פריצס בייטש, נאָר זיי זאָלן אויך זיין טיף איבערצייגט אין דער הייליקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פון די האָרן, בכדי זיי זאָלן פרייוויליק בייגן דעם קאָפּ פאַר דער מאַכט פון די האָרן — ווי פאַר עפּעס אַזעלכעס, וואָס גאָט אַליין האָט באַשטימט.

## 14

## וואָס איז נישטאָ אין די געבאָטן?

לאָמיר זיך פרוּוון פאָרטראַכטן, וואָס מיר — הייַנטיקע פּראָלעטאַריער — וואָלטן אַרייַנגעשטעלט אין די געבאָטן, ווען ס'וואָלט אונז אויסגעקומען זיי צו פאַרפאַסן?

מיר וואָלטן זיכער אויפגעשריבן:

1. — ז א ָ ל ס ט נ י ש ט ל ע ב ן פ ו ן פ ר ע מ ד ע ר א ר ב ע ט.

און מיר וואָלטן צוגעגעבן:

ו ו ע ר ע ס א י ז ג ע ז ו נ ט א ו ן א ר ב ע ט נ י ש ט, ז א ָ ל נ י ש ט ע ס ן.

און טאַקע דאָס וואָלטן מיר אַוועקגעשטעלט אָן דער שפּיץ פון אַלע געבאָטן. מיר וואָלטן געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס וויכ־טיקסטע געבאָט.
ווייטער וואָלטן מיר געזאָגט:

2. — זאָלסט נישט צונעמען פאַר דײַן אייגנטום נישט קיין פעלדער, נישט קיין קוילן־אָדער נאַפט־גרובנס, נישט קיין פאַב־ריקן און מאַשינען — ווײַל אָן דעם קאָנען די אַנדערע מענטשן נישט לעבן.

3. — זאָלסט נישט פאַרראַטן דײַנע חב־רים אַרבעטער און זאָלסט שטענדיק גרייט זײַן צו קעמפן אין דער פאַרטיידיקונג פון יעדן פון דײַנע חברים, ווען ס׳וועט אים גע־טון ווערן אַן עוולה.

4. — אַלע דײַנע כּחות, געדאַנקען און טרוימען זאָלסטו ווידמען דער זאַך פון אי־בערבויען די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג און זאָלסט אַזוילאַנג קעמפן, כּל־זמן די וועסט נישט צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַ־סע פון אַרבעטנדיקן פאָלק אויסקעמפן אַן אָרדענונג פון ברודערלעכקייט, אמתער גלייכהייט און גערעכטיקייט.

אַזעלכע און ענלעכע געבאָטן וואָלטן מיר געקאָנט אַ סך אויפשרייבן — און אַמער יעדער מוז דאָך מודה זײַן, אַז נישט נאָר זיי אַנטהאַלטן נישט קיין שום שלעכטס, נאָר פאַר־קערט — זאַכן גערעכטע און בלי־שום־ספק זייער נוצלעכע פאַר אַלעמען.

פאַר אַלע ערלעכע אַרבעט-מענטשן — אָבער נישט פאַר דעם הייפל פּריווילעגירטע גבירים. — און דעריבער טאַקע איז

גאָרנישט פון אונזערע אַרבעטער־געבאָטן נישט פאַראַן אין די תּורה־אָדער געטלעכע געבאָטן.

## 14

# צי דאַרפן מיר די געטלעכע געבאָטן?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָבן שוין געענטפערט אונזערע ביז־איצטיקע באַטראַכטונגען. די געבאָטן זענען פאַרפאַסט געוואָרן דורך די האַרן, פאַרן שוץ פון זייערע אינטערעסן. דערביי זענען ראַס באַפעלן, היינט שוין פאַרעלטערטע, פאַקטיש דורך קיינעם נישט אָפּגעהיטענע; און אויב מ׳קלאַפּט זיי נאָך אַלץ אַריין אין די קעפּלעך פון אונזערע קינדער, און אויב זיי באַ־הויפּטן נאָך אַלץ מיט אַ טעמפּער עקשנות, אַז דידאָזיקע געבאָטן זענען דער פונדאַמענט פון דער מאָראַל — טוען זיי עס גאָר דערפאַר, כּדי מענטשן צו פאַרנאַרישן און די פאַרנאַרישטע אויסצונוצן.

די „צען געבאָט” דאַרפן מיר באַטראַכטן, ווי אַן אַלטע היסטאָרישע איבערבלייבעניש, אָבער מיר קאָנען זיך נישט לויט זיי ריכטן אינעם לעבן, און דאָס אויסלערנען זיך די געבאָטן אויף אויסנווייניק איז אויך צי־לאָז, און זיי זענען קיינעם נישט נייטיק, ווי למשל, דאָס לערנען זיך די אַלטע עגיפּטישע, פּערסישע אָדער בבלישע געזעצלעכע פאַרשריפטן.

אין קורצן דערשיינט אין יידיש

דאָס באַקאַנטע בוך פון

## פראַנץ מעהרינג

# דאָס לעבן

פון

# קארל מארקס

איבערגעזעצט פון דייטש

אדרעס פאר באשטעלונגען:

**ש. באָרנשטיין, וואַרשע.**

טוואַרדע 44 ו. 7

VII 1942:410

Wydawca: Sz Borensztajn, Warszawa, Twarda 44 m. 7

הויפּט־פאַרקויף בײַ:

ש. באָרנשטיין, װאַרשע, טװאַרדע 44 װ. 7